STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02387

SOTSYALIZMUS IN BES HAMEDRESH

L. Rozentsvaig

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



165 EAST BROADWAY, NEW YORK. 165

באנק

—פון—

מ. און ל. יאַרמולאָווסקי

165 איסט בּראָדווי, ניו יאָרק

טשארטערעד אונטער דיא געזעצע פון ניו יאָרק סטייט.

ביזנעס עקאָונטס מיט טשעקס, אינטע־
רעסט (פּראָצענט) בעצאָהלט אויף
טעגליכע באלאנסעס. אינטערעסט
בעצאָהלט אויף ספּעשיעל עקאָונטס.

לאָדזשעז, סאָסייעטיס, חברות, אָרדענס, א. ז. וו. ווערען
אויפמערקזאם אויף די ספּעציעלע גוטע בעדינגונגען און
אבסאָלוטע זיכערהייט פון דיזער באנק.

אָפּיסעס צו פערדענטען

אללע מאָדערנע בעקוועמליכקייטען. וויא עלעקטרישע
ליכט, עלעקטרישע עלעווייטאָרס, הייסע און קאלטע
וואסער אויף יעדען פלאָר; דיא גאנצע הויז איז

אבסאָלוט פייער־פּרוף.

נאָכצופרעגען אין פאָדערצימער פון

M. & L. JARMULOWSKY'S BANK BUILDING,

165 EAST BROADWAY, NEW YORK.

פאָר-רעדע.

וויא קומט סאָציאליזמוס אין בית המדרש, פרעגט איהר?

דיא קאָנגרעגיישאָן „אהבת גרים", וועלכע האָט איהר בית המדרש אין אָרטשארד סטריט, ניו יאָרק, האָט א חזן און שוחט —ביידע סאָציאליסטען. דער שוחט דאַרף שלייפען זיין חלף, שלייפט ער איהם ביי א שלייפער, וועלכער איז אויך א סאָציאליסט. און דער שוחט דערצעהלט דעם שלייפער, אז דער גבאי פון דיא „חברה אהבת גרים" איז אויך א סאָציאליסט.

זאָגט דער שלייפער צום שוחט: „אין בית המדרש הגדול איז דער גבאי א בודעל-פּאָליטישען, האָט ער אויף דיזען שבת איינגעלאַדען דעם פּאָליטישען רויבפאָגעל דאָרט צו ריידען, אויב אייער גבאי איז א סאָציאליסט, פאר וואָס לאַדעט ער ניט איין א סאָציאַליסט דאָרט צו ריידען?"

דער רעזולטאט פון דיזען געשפּרעך צווישען שוחט און שלייפער איז געוועזען דיזע סאָציאליסטישע רעדע פאר דער „חברה אהבת גרים" פון דער בימה אין זייער בית המדרש, און דאָס פונקט פאר קריאת התורה!

זאָגענדיג דעם אמת, האָב איך עס ניט גערן געטהאָן, ווייל ווען איך האָב זיך בערעכענט, ווי שווער עס קומט אָן צו מאכען א'ן ארבייטער פערשטעהן פון וואנען עס נעהמען זיך זיין נויט און עלענד, אפילו דאן ווען מען רעדט צו איהם טאקי אין פעקטאָרי גופא, וואָס איז דער סאמע קוואל פון זיין עלענד און נויט; ווען איך האָב זיך בערעכענט, וויא שווער דעם ארבייטער קומט אָן צו פערשטעהן א'ן אמת אין א פּלאַטץ, וואו ליכט און אויפקלערונג ווערט פערשפּרייט טו ווי ווייניג וועט ער בעגרייפען אן אמת, געפינענדיג זיך ביי דער סאמע קוועלע פון פאנאטיזמוס גופא, אין בית המדרש? נאָר שטעהענדיג ביים טהיר האָט א אינגעל מיר דער-

לאנגט א אידישען צעטעל, געדרוקט פון א אידישען סקעב, ארויס־געגעבען פון פינף אידישע רבנים, מאכענדיג פראפאגאנדא פאר א אדישען פאליטיושען, און דיזער צעטעל האט מיר בעוואויגען צו ריידען.

דא האט איהר א טהייל פון דעם צעטעל :

„זרח גראבמאן איז א איד און פון דיא אידען מיט וועלכע אונזער פאלק שטאלצירט; זיין געגנער הייסט דזשאן פיטצדזשע־אלד. פון א אידען מיט דיזען נאמען האבען מיר ניט געהערט.

זרח גראבמאן איז געבוירען . . . . פון א משפחה פון לויטער לומדים און דיינים, ער אליין איז א כשר'ער, פיינער איד און ער־ציהט זיינע קינדער אין דרך הדת והיהדות.

זרח גראבמאן, אבוואהל ער איז זעלבסט ניט קיין רייכער מאן, איז איבערגעבען מיט לייב און לעבען צו עניני צדקה, האט פיעל טובות געטהאן זיינע ארימע אידישע ברידער און שטעהט אין ענגע פערהעלטניסע מיט פילע טשאריטי־אנשטאלטען אין דיזער שטאדט.

דיא אונטערצייכענטע אידישע רבנים אפעלירען צום אידישען פובליקום צו שטימען פאר א אידען.

אדישע וואוטערס, לעזט אויפמערקזאם וואס 5 פון דיא גרעסטע רבנים און גאונים פון ניו יארק ראטהען אייך צו טהון אין עלעקשאן־טאג.

שלום אלחנן יפה, רב דביהמ"ג.

דוב בער אבראמאוויץ, הרב בביהכ"נ משכן ישראל.

ברוך זאב מוטה.

ארי' ליב בינקאוויץ, רב מעדת ישראל.

ישראל משה שאפירא, הרב בביה"כ פול צדק פארסייט סט."

לעזענדיג דיזען סקעבישען צעטעל האב איך זיך געטראכט :

ווען דיא רבנים'לאך פערלאזען דעם בית המדרש און געהען אין פאליטיק, דארפען מיר סאציאליסטען אויף א ווילע פערלאזען דיא פאליטיק און געהן צו דיא אידען אין בית המדרש.

ברידער און מיטבירגער !

מיט מיין גאַנצען רעספּעקט פאַר אייער ערנסטקייט בעט איך אייך מיר מוחל צו זיין וואָס איך אונטערברעך אייך יעצט אין אייער פייערליכסטען מאָמענט פאַר קריאת התורה. איך וויל ניט מיס־ברויכען דעם כבוד וועלכען איהר טהיילט מיר צו דערמיט וואָס איהר ערלויבט מיר צו פערנעהמען דעם פּלאַץ דערפון וועלכעם איהר רופט היילינקייט, און דיא צייט, ווען איהר דאַרפט לייענען דיא תורה. און לאָזט מיר אייך זאָגען, ברידער, דאָס כאָטש איך דענק אַנדערש וויא איהר, וואָלט איך טראָטץ דעם קיינמאָל ניט געוואגט צו פערנעהמען דעם פּלאַטץ פון דעם וואָס איהר רופט הייליג ווען איך וואָלט ניט וויסען דאָס אַנשטאַט אייער הייליג־קייט דאָרט, קום איך מיט אַנאַנדער הייליגקייט, וועלכע איז פּונקט אַזוי ערהאַבען פּונקט אַזוי נאָבעל וויא איהר גלויבט איז תורת משה.

איך וויל צו אייך ריידען פון א הייליגקייט וועלכע איז געבויט אויפ׳ן געזונדען מענשענפערשטאַנד, און אייערע גערונצעלטע שטע־רענס וועלכע קוקען אַרויס פון אונטער אייערע טלתים זאָגען מיר, דאָס איהר זייט פעהיג צו פערשטעהן דיזען הויכען אידעאַל. איהר אידעלאַך, וועמעס טאַטעס זיינען בעגייסטערט געוואָרען מיט א׳ן אידעאַל ביים באַרג סיני, איהר, זאָג איך, קענט אויך בעגייסטערט ווערען פון א׳ן אידעאַל וועלכער איז דאָס נאָבעלסטע, דאָס ערהאַבענ־סטע וואָס האָט ווען־עס־איז געקרוינט דעם מענשליכען פאָרטשריט.

אַז איהר זייט פעהיג דעם אידעאַל צו בעגרייפען זאָגען מיר אייערע אויגען. אייערע בלייכע פּנים׳ער זאָגען מיר אַז איהר מעגט עס פערשטעהן, אייערע אין טרערען פערווייקטע טלתים זאָגען מיר, אַז איהר דאַרפט עס פערשטעהן. אייערע אָרימע קליידער, אייערע אויסגעדאַרטע קערפּערס, אייערע פון פראַצע פערהאַרטעוועטע הענד

זאָגען מיר, אז איהר מוזט עס פערשטעהן, אייערע זיפצען און קרעכצען, אייער וויינען און בעטען זייט איהר זיינט צו אייער שכל געקומען ביז אויף היינטיגען טאָג, בעפעהלען מיר, אז איך זאָל עס אייך מאכען פערשטעהן, ווייל דער אידאל, מיט וועלכען איך קום צו אייך, וועט אָבווישען אייערע טרערען, שטילען אייער זיפץ, און וועט אין אייערע אויסגעטריקענטע הערצער אריינפליסען נייעם לעבען, נייע האָפנונג.

דער אידעאל, מיט וועלכען איך קום צו אייך, איז דער סאָציאַליזמוס!

דער סאָציאַליזמוס? דער סאָציאַליזמוס, הער איך וויא איהר פרעגט ביי אייך אין הארצען, קען אָבווישען טרערען? קען היילען א קראנקע ברוסט? קען געבען האָפנונג? וויא איז דאָס מעגליך? מיר ווייסען דאָך, אז סאָציאַליזמוס איז א משוגעת און סאָציאַליסטען שלעכטע און פערדאָרבענע מענשען?

איך וויים אז איהר האסט דעם סאָציאַליזמוס און דיא סאָציאַליסטען, און איך וואָלט ניט וואגען צו קומען צו אייך אין אייער מקום קדוש און צו אייך רעדען איבער עפּעס וועלכעס איהר האסט. איך קום אבער יא, ווייל איך וויים אז איהר האסט ניט סאָציאַליזמוס ווייל איהר פערשטעהט איהם, נאָר איהר האסט איהם ווייל איהר פערשטעהט איהם ניט.

איך קום אייך ניט איבעררייידען איהר זאָלט דעם סאָציאַליזמוס ליעב האָבען, ניין! האָט איהם פיינט וויא ביז היינט, נאָר האָט איהם פיינט פערשטעהענדיג איהם, אויב אייער פערשטאנד וועט אייך דאן זאָגען, אז ער איז ווערטה מען זאָל איהם פיינט האָבען; אָבער האָט איהם ניט פיינט ווייל אייער רבי אָדער אייערע פּאָרשטעהער האָבען אייך געזאָגט, אז מען דארף איהם פיינט האָבען.

האסט! נור האסט וויא מענשען מיט שכל!

פאר וואָס, מיינט איהר, האָט דער אנטיסעמיט פיינד דעם אידען? אפשר ווייל ער פערשטעהט איהם? חלילה וחס! דער אנטיסעמיט פערשטעהט דעם אידען ניט. ער פערשטעהט ניט זיין געשיכטע, פערשטעהט ניט זיינע ליידען, פערשטעהט ניט זיין זיפץ

און ניט זיין שמייכעל, ער האסט דעם אידען בלינד, וויא א נארר, און פונקט אזוי האסט איהר דעם סאָציאַליזמוס.

האסט איהם ווען איהר וועט איהם פערשטעהען און דאן מיט אייער פערשטאנד זעהען אויב ער איז ווערטה געהאסט צו ווערען. אבער איך פערזיכער אייך, אז ווען איהר וועט פערשטעהן דעם סאָציאַליזמוס וועט איהר איהם שוין ניט קענען האסען. פונקט וויא דער, וואָס פערשטעהט גוט דעם אידען קען ניט זיין קיין שונא ישראל.

געדענקט איהר זאַלא'ן?

האָט זאַלא געקענט האסען א אידען?

זאַלא האָט דעם אידען יא פערשטאנען, און זיין עדעלע הארץ האָט געבלוטעט ווען ער האָט געלעזען דיא בלוט-בעשפריצטע בלעטער פון דער אידישער געשיכטע. זאַלא האָט דעם אידען פערשטאנען און האָט איהם דערפאר ניט געקענט האססען, אויך איהר וועט ניט קענען האסען דעם סאָציאַליזמוס ווען איהר וועט איהם פערשטעהען.

דאָס איינציגע וואָס האָט מיך בעגייסטערט אין דער תורה, איז יענער מאָמענט, ווען גאָט זאָגט צו משה'ן: „געה און זאָג פרעה'ן, ער זאָל ארויסלאָזען דיא אידען", יענער מאָמענט, ווען גאָט זאָגט: „געה מאך א סוף צו שקלאפעריי".

און וואָס איז סאָציאַליזמוס? אויך א סוף צו שקלייפעריי!

און וואָלט איהר געהאט דיא מעגליכקייט צו שטעהען דאמאלס אונטער פרעה'ס טהראָן, צו שטעהען דאָרט אין יענעם מאָמענט, ווען משה זאָגט: „לאָז דיא אידען פריי" — וואָלט איהר דאן געקענט הערען וויא פרעה זאָגט, אז דיא אידעע פון בעפרייען דיא שקלאפען איז א משוגעת, אז משה איז א שלעכטער פערדאָרבענער מענש, פונקט וויא אייערע מאָדערנע פרעה'ס, אייערע באָסעס מיט זייערע העלפער, דיא פערקויפטע נשמות, זאָגען אייך היינט.

סאָציאַליזמוס — וואָלט פרעה געזאָגט — טויג ניט.

משה אָבער וואָלט געפרעגט: פאר וועמען?

בעפרייען דיא שקלאפען טויג ניט! אבער פאר וועמען?

געווים טויג עס ניט פאר דיא פרעה'ס, אבער פאר אייך, אויסגעהונ־גערטע און אויסגעמוטשעטע שקלאווען? פאר אייך, געטראָטענע און געשענדעטע ארבייטער? טויג עס פאר אייך אויך ניט?

ניין! דאָס וואָס טויג ניט פאר יענע וואָס לעבען פון אייער פּראַצע, טויג פאר אייך יא, און איך וועל עס אייך בעווייזען.

* * *

וואָס איז סאָציאַליזמוס?

זעהט דאָרט אין ווינקעל שטעהט א גרייז מיט א טלית איבער'ן קאָפּ, און אויב גרויע האָאַר זיינען א סימן פון פערשטאנד, טאָ פרעגט דעם אלטינקען דאָרט, ווער האָט געמאכט דעם טלית, וועלכער וויקעלט איין זיין שמערץ? פרעגט איהם, אויב דער טלית, זייענדיג א צייכען פון ריינקייט, איז ארונטערגעפאלען פון הימעל?

און אויב גרויע האָאַר נאררען ניט, וועט ער אייך ענטפערן:

ניין! טליתים, כאָטש הייליג, פאלען דאָך ניט אראָב פון הימעל.

פון וואנען פאָרט נעהמען זיך טליתים?

טליתים ווערען געוועבט פון מענשליכע הענד!

ווען איך זאָל אייך פרעגען ווער האָט בעשאפען אָט דיעזע שעהנע גרויסע געביידע אין וועלכע איהר דאוועגט? איז זיא פיעללייכט אויסגעוואקסען פון רעגען?

ניין! וועט איהר ענטפערן, קיין טעמפּלען און קיין הייזער וואקסען ניט פון רעגען!

וויא אזוי־זשע פאָרט ווערט בעשאפען א הויז?

כדי א הויז זאָל בעשאפען ווערען איז נויטיג מענשליכע הענד און מענשליכע קראפט!

ווער האָט בעשאפען דעם ראָק, וועלכען איהר טראָגט אויף אייער לייב? איז ער פיעללייכט בעשאפען געוואָרען פון תהילים זאָגען?

איהר ווייסט אז ניין! דעם ראָק צו בעשאפען איז נויטיג געווען מענשליכע הענד, מענשליכע קראפט, און מענשליכע פּראַצע. אָהן דעם קען קיין ראָק ניט זיין.

ווער האָט בעשאפען דיא אייזעבאהנען?

מענשליכע הענד, מענשליכע קראפט, מענשליכער שוויים!

פון וואנען נעהמען זיך דיא קוילען? וואקסען זיי אויף בוימער?

ניין! מענשען מוזען זיך איינגראבען אין דיא געדערים פון דער ערד, איינשטעלענדיג זייערע לעבענס, כדי דיא וועלט זאל האבען קוילען.

ווער פערוואנדעלט א שטיק פערשטיינערטע ערד אין א פרוכט־בארע פעלד?

מענשליכע הענד!

ווער פערוואנדעלט דעם ווייץ אויף ברויט?

מענשליכע הענד!

ווער פערוואנאעלט דעם ווייץ אויף ברוי?

מענשליכע הענד!

ווער האט געמאכט דיא קרוין אויף'ן הערשער'ס קאפ?

מענשליכע הענד!

ווער האט בעשאפען דיא נאדעל מיט וועלכע איהר נעהט קליידער פאר דער גאנצער וועלט?

מענשליכע הענד!

ווער בעשאפט אלע רייכטהימער פון דער וועלט?

מענשליכע הענד!

ווער דיא וויגעלע און ווער דעם קבר?

מענשליכע הענד!

טא קומט דער סאציאליזמוס און לערנט אזוי:

אויב דער רייכטהום פון דער וועלט ווערט בעשאפען פון מענשליכע הענד, זאל דער רייכטהום געהערען צו דיא הענד וועלכע בעשאפען איהם.

מיט אנדערע ווערטער, אזוי וויא קיין שום ווערטה־זאך ווערט ניט בעשאפען סיידען מענשען לייגען צו זייער שוויים און בלוט, זאלען דיא בעשאפענע זאכען געהערען צו דיא יעניגע, מיט וועמעס שוויים און בלוט זיי זיינען בעשאפען געווארען.

איהר אבער, וועלכע האסט דעם סאציאליזמוס, זיינט נאטירליך

זיינע געגנער, און זאָגט קאפויר. איהר זאָגט, סאָציאַליזמוס איז א משוגעת. גלייכער, זאָגט איהר, איז, אז יענע וועלכע בעשאפען אלע רייכטהימער זאָלען גאָר ניט האָבען, וויא ס'איז היינט; גלייכער איז, א מענש זאָל פּראצעווען זיין לעבען לאנג און לעבען אין נויט און שטארבען אין עלענד! גלייכער איז, אז יענע מענשען, וועלכע מאכען קליידער פאר דער גאנצער וועלט, זאָלען אליין טראָגען שמאטעס; גלייכער, אז דיא וועלכע בויען הייזער זאָלען ניט האָבען וואו דעם קאָפּ אװעקצולעגען! און איהר רופט אייך מענשען מיט שכל? אדרבה, וואו ליעגט דאָ דער ושכל? הייסט דאָס יושר? אז דיא וועלכע טהוען ניט קיין האנד אין קאלטע וואסער זאָלען לעבען אין לוקסוס און איבערפלוס, ניט וויסענדיג וועלכען וואוילטאָג זיך פריהער צו פערשאפען און דיא וועלכע בלוטען אין דיא פינסטערע שעפּער זאָלען לעבען אין דחקות, ניט זייענדיג זיכער מיט דעם ברויט פון מאָרגען?

איהר זייט דאָך דיא קלוגע, טאָ זאָגט מיר, וואו ליגט דער שכל?

מיין פּראָסטער שכל זאָגט מיר, אז דיא, וועלכע ארבייטען אין דיא שעפּער בעשאפענדיג אלע רייכטהימער, דיא, וועלכע שוויטצען אויף דיא פעלדער, דיא, וועלכע קריכען לעבעדיגע אין דיא קברים טיעף אונטער דער ערד, דיא, וועלכע פיהרען דיא שיפען איבער דיא ימים; מיט איינעם וואָרט, מיין פּראָסטער שכל זאָגט מיר, אז דיא יעניגע, וועלכע בעשאפען אל־דאָס גוטס זאָלען דערפון געניסען, ווייל זיי, און נור זיי אליין זיינען דערצו בערעכטיגט. איך קען אויך פערשטעהן, אז אויב נויטה מוז זיין, טאָ זאָל עס זיין ביי דיא ליידיגגעהערס, ביי יענע, וועלכע טהוען גאָר ניט. אבער וויא קומט דיא נויטה צו אייך?

בעטראכט אייך נור: וויא איהר שטעהט דאָ אלע זייט איהר ארבייטער, איהר זיינט ניט קיינע שיכורים, איך קען דעם אידען, איהר זיינט קיינע פוילענצערס, איהר ארבייט אייביג, איהר זיינט קיינע אויסברענגער, אייערע פּנים'ער זאָגען עדות דארויף, און כמעט אלע זיינט איהר שניידער. טאָ זעהט אקאָרשט, היינט איז

שבת, איהר האָט אייך אָנגעטהאָן אין אייערע בעסטע קליידער לכבוד דער פּרינצעסין שבת, טאָ בעטראכט אייערע שבת'דיגע שמאטעס? זיינען זיי מעהר וויא שמאטעס? אלטע אָבגעריבענע שמאטעס? האָט איהר דען אפילו א רעכטען מלבוש פאר א שבת אָדער א יום טוב?

טאָ פרעג איך אייך, אלס מענשען מיט שכל, איהר, וועלכע בעשאפט קליידער פאר דער גאנצער וועלט, זאָלט איהר ניט האָבען אליין א בגד אויף שבת?

ענטפערט, מענער! איך בעשווער אייך ביי אלעם וואָס איז ביי אייך הייליג, פאר וואָס געהט איהר אין שמאטעס?

פאר וואָס טראָגען יענע וועלכע לעבען פון אייער שוויים און בלוט שעהנע, נייע, בכבוד'דיגע קליידער? פאר וואָס טראָגען אייערע באָסעס, אייערע רבי'לאך זיידענע און וואָלענע קליידער, קליידער וועלכע איהר, אייער ווייב און אייערע קינדער האָבען בעשאפען? דער סאָציאליזמוס זאָגט, אז איהר, וועלכע בעשאפט דיא קליידער איהר זאָלט זיי טראָגען, איהר אָבער ענטפערט: ניין! סאָציאליזמוס איז א משוגעת!

בעטראכט אייערע ווייבער: אָט שטעהען זיי דאָרט אין ווינקעל. מיר שיינט איך האָב געזעהן טרעהרען אין זייערע אויגען, ווען איך האָב גערעדט פון קליידער. און פאר וואָס זאָלען זיי ניט וויינען? האָבען זיי ווען־עס־איז א רעכטען בגד אויף זייערע לייבער? זיינען זיי ניט בעשטענדיג איינגעוויקעלט אין טראנטעס? און לאָזט מיר אייך זאָגען, דאָס עס ליעגט אין דער נאטור פון דער פרוי צו וועלען טראָגען א שעהנעם בגד, זיא איז מקנא אנאנדערע, וועלכע טראָגט יא א שעהנעם בגד. דיא פרוי פיהלט זיך געקרענקט, ערניעדריגט, ווען זיא איז געצוואונגען צו טראָגען אלטע צוריסענע קליידער. און פאר וואָס זיינען אייערע פרויען איינגעוויקעלט בעשטענדיג אין אלטע טראנטעס?

בעטראכט דיא קליידער, וועלכע דיא פרויען פון אייערע בלוט־זויגערס ווארפען אוועק און פערגלייכט זיי מיט דיא שמאטעס, וועלכע אייערע פרויען טראָגען שבת און יום טוב, פיעללייכט וועט

איהר איינזעהען, אז דער שגעון איז ניט אויף אונזער זייט.

און וועט איהר פיעללייכט ענטפערן, אז ניט ארבייט אליין בעשאפט אלע רייכטהימער? צו בעשאפען דער וועלט'ס רייכטהימער, זאָגט איהר, זיינען נויטיג ביידע: ארבייט און קאפיטאל? ארבייט אליין, זאָגט איהר, קען גאָר ניט אויפטהאָן? קאפיטאל מוז זיין?

איך וואָלט אייך קענען בעווייזען, אז דאָס איז ניט אזוי. ווייל אייגענטליך וואָס איז קאפיטאל? פון וואנען האָט זיך קאפיטאל גענומען? ווארום פונקט אזוי וויא א טענעמענט-הויז וואקסט ניט פון רעגען, אזוי וואקסט אויך ניט קיין קאפיטאל פון רעגען. אויך קאפיטאל איז א רעזולטאט פון מענשליכע פראצע. אבער ניט יעצט איז דיא צייט און ניט דאָ איז דער פּלאַץ צו האָבען א ויכוח איבער אזעלכע עקאָנאָמישע פראגען. מיר לוינט זיך אייך צוצו־געבען אז איהר האָט רעכט און אויך זאָגען גלייך וויא איהר, דאָס אזוי וויא צו בעשאפען דיא רייכטהימער פון דער וועלט איז נויטיג ביידע: ארבייט און קאפיטאל, דעריבער קומט דעם רויבער פון קאפיטאל אויך א חלק. טאָ, אויב אזוי, פאר וואָס־זשע געניסט איהר עס ניט ביידע? אויב ביידע בעשאפט איהר דיא רייכטהימער וואָלטען דאָך דיא בעשאפענע רייכטהימער וויינינגסטענס געמוזט בלייבען נאָך אייער ביידענס טויט צו אייערע ביידענס קינדער?

אָבער וואָס זעהען מיר אין אמת'ן?

וואָס פאר א ירושה לאָזען זיי צו זייערע קינדער, און וואָס פאר א ירושה לאָזט איהר אייערע קינדער? וועהרענד זיי לאָזען זייערע קינדער איבער מיליאָנען, לאָזט איהר איבער אייערע קינדער א הימעלשרייענדען דלות, א וואקסענדע נויט, א ביטערע אָרימקייט. וואָס מען שענקט זיי ניט, האָבען זיי ניט.

ווען איהר געהט דורך דיא גאסען פון ניו יאָרק, קענט איהר אָפט זעהען, וויא בעבעבעס ליגען אויף'ן גאס און אויף דעם ביסעל אָרימ־קייט שטעהט א טעלער אין וועלכען עס געפינען זיך עטליכע געשענקטע פעני'ס. ביים זייט זיצט א בלייכע פרוי מיט א קליין עופּה'לע אויף'ן האנד. געהט צו און פרעגט דיא בלייכע מאמע,

וויא קומט זיא אויף'ן גאס? און פון צעהן וועלען אייך ניין זאָגען, אז דער מאן איז ערשט ניט לאנג געשטאָרבען און „דיא בעבעכעס אין גאס" איז דיא ירושה וועלכע ער האָט געלאָזען.

בעטראכט אָט יענעם טעלער מיט דיא עטליכע געשענקטע פעני'ס, ער רעדט פון אייער ערניעדריגונג, פון אייער געפאלענקייט. דער טעלער שיינט צו שרייען: „זעהט נור, איהר פערבלענדעטע! זעהט דיא ווייב און קינדער פון איינעם פון דיא צוויי גלייכע שותפים, וועלכע האָבען „צוזאמען בעשאפען דיא רייכטהימער", וויא איהר מיינט!

יעדער קלינג פון דער אריינגעוואָרפענער פעני שרייט: „נא, נעהם דיין חלק, אלמנה פון צווייטען שותף! נעהמט, יתומים'לאך, עס איז דיא ירושה פון אייער טאטען, וועלכער האָט געהאָלפען בעשאפען אל־דאָס גוטס אויף דער וועלט!" „נעהמט", שרייט יעדער קלינג, „נעהמט א נדבה, יתומים'לאך, אייער טאטע איז געווען א שותף צו דיא רייכטהימער און דיא נדבה איז אייער חלק!"

איהר זיפצט? טאָ זיפצט, אז הימעל און ערד זאָל אויפגעריסען ווערען! זאָל אייער קרעכץ פערדונערן דיא וועלט!

איז דאָס מעגליך? זעה איך טרעהרען? טאָ לאָזט דיא טרעהרען פליעסען, אז דיא זון זאָל אויסגעלאָשען ווערען! וויינט! א נדבה פאר איין שותף, איבערפלוס פאר א צווייטען! און איהר זיינט עס דיא קלוגע? און איהר שעהמט זיך ניט מיט אייער חלק? איהר זיינט מיט אייער חלק צופריעדען?

מיר, סאָציאליסטען, שעהמען זיך מיט דיזען חלק, און זיינען שטאָלץ ווען דיא וועלט רופט אונז אָן „דיא אונצופרידענע".

* * *

דיא וועלט, פריינדע, איז א גרויסער בית המדרש. און אזוי וויא איהר ערלויבט אייערע אונטערדריקער זיי זאָלען זיין דיא גבאים, צווינגען זיי אייך צו זיין דיא שמשים. און ווייסט איהר ניט, אז דער שמש קריגט אימער דיא תוכחה?

ווען איהר שטעהט אויף אין א קאלטען, פינסטערען פארטאָג און וועקט אויף אייער טאָכטער און נעהמט איהר מיט אין שאפ

אריין אייך צו העלפען פערדיענען אויף ברויט; ווען איהר פיהרט אייער קינד וויעדער אהיים א מיעדע, א צובראָכענע, אין דער פינסטערניש פון דער נאכט; ווען איהר געהט צו דער ארבייט אזוי פריה, דאָס איהר קענט אייערע קינדער ניט זעהען, און ווען איהר קומט אזוי שפּעט, אז זיי קענען אייך ניט זעהען; ווען אייערע טעכטער פערוועלקען אין זייער שעהנסטער יוגענד, ווען זיי ווערען פערקריפּעלט דורכ'ן צו־פריה געהען אין שאָפּ און דורכ'ן צו־שפּעט אהיים קומען; ווען איהר געדענקט דעם ארויס־געהען פון א פינסטערען טענעמענט־הויז אין א פינסטערען דרויסען צו א פינסטערען שאָפּ, און פון א פינסטערען שאָפּ אין פינסטערען דרויסען צו א פינסטערען טענעמענט־הויז — דאן האָט איהר יענעם פּסוק פון דער תוכחה: „ארור אתה בבאך וארור אתה בצאתך“ — פארשאָלטען איז דיין אריינקומען און פארשאָלטען איז דיין ארויסגעהן!

און ווער פון אייך עס ארבייט ניט אין פעקטאָרי, און ווער פון אייך עס לעבט פון פּעדלען, דער זאָל זיך נור דערמאָנען אין שרעק פון דעם געזעץ, פון יענעם ברוטאלען געזעץ אין דער פאָרמע פון א שיכור'ן פּאָליסמאַן, וועלכער טרייבט אייך וויא מען טרייבט ווילדע בעסטיעס, און ווען איהר בערעכענט, אז פון אייער גאנצען שרעק און אייער גאנצע האָרעוואניע האָט איהר ערשט ניט גענוג צום עסען — דאן דעמאָנט איהר זיך וואָס דיא תוכחה זאָגט: „ישלח יהוה בך את המארה את המהומה ואת המגערת“ — ער וועט אויף אייך אָנשיקען פלוך (פּאָליסמען) טומעל (העסטער סטריט) און שטראָף (עסעק מארקעט קאָורט) אין אלע אייערע מסחרים.

ווען איהר בעטראַכט אייערע בלאַסע פּנים'ער, אייערע אויס־געצעהרטע קערפּער, אייערע פון דער ארבייט געבויגענע רוקענס, ווען איהר געדענקט אז שווינדזוכט איז דעם ארבייטערס קראנק־הייט; ווען איהר בעטראַכט אייער פרוי, וויא זיא קריינקט בע־שטענדיג; ווען איהר געדענקט, אז אייערע עופה'לעך שטארבען מאסענווייז אוים מאנגעל אין ליכט און לופט, דאן דערמאָנט זיך

אין דער תוכחה וועלכע זאָגט: „יככה... בשחפת ובקדחת". דו וועסט זיין געשלאָגען מיט שווינדזוכט און מיט פיעבער.

ווען פון אייערע ענגע, שמוציגע גאסען זעהט איהר פאר זיך קיין מאָל קיין ביסעלע גראָז וויא דיא נאטור האָט עס בעשאפען, קיין בלעטעלע וויא עס סוד'עט זיך מיט'ן ווינד, קיין בוימעלע וויא עס חנפ'עט זיך צו דיא שטראהלען פון דער זון, קיין גרינעם צווייג, קיין גאָלדענע זאנגען, דיא זיסע טענער פון דיא פויגעלאך זיינען אייך אונבעקאנט, דאָס מורמלען פון זילבערנעם טייכעלע איז פאר אייך ניטאָ; ווען דורך אייערע ענגע, שמוציגע גאסען קענט איהר דיא שעהנקייט פון דיא הימלען ניט בעוואונדערען, דאס ווינקען פון דיא שטערן ענטציקט אייך ניט, דיא בלייכע קעניגין פון דער נאכט, וועלכע איהר בעגריסט יעדען חודש קען אין אייך ניט ארויסרופען יענע זיסע יוגענד־חלומות, וועלכע שמערצען אונז אזוי זיס; ווען איהר געדענקט, אז דיא ערד און איהר שעהנקייט איז אייך פרעמד, און דיא הימלען און זייער פראכט זיינען פאר אייך פערשטעלט, — דאן דערמאָנט אייך אָן יענע גרויזאמע ווער־טער פון דער תוכחה: „והיו שמיך אשר על ראשך נחשת והארץ אשר תחתיך ברזל" — דער הימעל איבער דיין קאָפּ וועט פיר דיר זיין קופער און דיא ערד אונטער דיר — אייזען!

וואָלט פאר אייך, ארבייטער, וועלכע איהר פינסטערט אָב אייערע עלענדע לעבענס אין דער פינסטערער פעקטאָרי אָדער אין א דונקעלען טענעמענט־הויז, געווען א חילוק ווען דער הימעל וואָלטווירקליך זיין קופער און דיא ערד אייזען?

ווען איהר בעטראכט אייער טעגליכען לעבען וויא אין אייער פוסטע האָפנונג טאפּט איהר ארום אין דער פינסטער, וויא איהר ווארפט זיך צו אלעמען, פיעללייכט וועט אייך דאָך געלינגען צו קריגען לייכטער א שטיקעל ברויט, און ווען איהר זעהט וויא וועניג דאָס געלינגט אייך, ווייל איהר ווערט אונטערדריקט און בערויבט, דאן וויא ריכטיג פאסט אויף אייך דיא קללה פון דער תוחכה: „והיית ממשש בצהרים כאשר יממשש העור באפילה ולא תצליח את דרכיך והיית אך עשוק ורצוף כל הימים ואין מושיע" — וועסט אין

מיטען טאָג ארומטאפּען וויא א בלינדער אין פינסטערניש, עס וועט דיר גאָר ניט געלינגען און דו וועסט ווערען אונטערדריקט און בע־רויבט.

הערט אָט דיזע קללה:

„בית תבנה ולא תשב בו“, הייזער וועסטו בויען און וועסט אליין ניט וואוינען אין זיי; „כרם תטע ולא תחללנו“, וויינגערטנער וועסטו פלאנצען און אנדערע וועלען זיי געניסען. און לאָזט מיר אייך זאָגען, פריינדע, אז צו יענער צייט, ווען דיא תוכחה איז געשריבען געוואָרען, איז נאָך ניט געווען דאָס וואָס מען רופט היינט: דיא מאָדערנע אינדוסטריע. דאָס הייסט, דאמאלס האָט מען נאָך ניט געהאט קיין פאבריקען און מאשינען וויא היינט. וואָלטען זיי עס אָבער יא געהאט, וואָלט דיא תוכחה אזוי געלויטעט:

„קליידער זאָלסטו נייהען פאר דער גאנצער וועלט און אליין טראָגען אלטע טראנטעס, אלטע שמאטעס אפילו שבת און יום־טוב!“

ברויט זאָלסטו באקען און אין יעדען ברויט זאָלסטו אריינלעגען א שטיק פון דיינע לונגען און אליין קיין ברויט ניט האָבען.

און ווען דיא וועלכע באקען דיא ברויט וועלען פערלאנגען א גרעסערע שטיקעל ברויט, וועלען אייערע כל־ישראל־אידען זיי פערקויפען און פערראטהען.

„בניך ובנתיך נתונים לעם אחר ועיניך ראות וכלות אליהם כל היום ואין לאל ידיך“ — דיינע זיהן און דיינע טעכטער וועלען געגעבען ווערען צו א פרעמדע פאָלק און דו וועסט שמאכטען און פאר זיי נט קענען טהאָן גאָר ניט.

איז מעגליך, אז דעמאָלט ווען דיא תוכחה איז געשריעבען געוואָרען זיינען שוין געווען פעקטאָרים און מען האָט שוין געמוזט אוועקשיקען יונגע קינדער אין דיזע גיהנם׳ס אריין? איז נאָך פאראנען א גרעסערע קללה פאר אייך וויא ווען איהר זיינט גע־צוואונגען צו שיקען אייערע האלב דערוואקסענע מיידעל אין שאפּ אריין? איז דער שאפּ א פּלאץ צו ערציהען א מיידעל? ווער איז יענע פרעמדע פאָלק וועלכע נעהמט אריין אייערע קינדער אין פעקטאָרי?

עס איז דער קאפּיטאליסטישער פּאַלק, פרעמד ניט נור צו אייער קינד, נור פרעמד צו אַלעס וואָס איז מענשליך, ער נעהמט אריין אייער בלייכע קינד אין פאבריק כדי פון איהר ארויסצופּרעססען פּראָפיט, דאָלארס.

דיא סוועטערס, צו וועלכע איהר גיט אייער קינד איבער, זיינען צו אייך — אלס ארבייטער — א פרעמדע פּאַלק, זיי מעגען אפילו זיין אידען גלייך מיט אייך.

דיא הארץ פון דער מאמע שמאכטעט, זיא פיהלט אז דיא פעקטאָרי איז ניט דער פּלאַץ פאר איהר קינד. זיא פיהלט אז א מיידעל קען ניט אויפוואקסען אין פעקטאָרי. זיא שמאכטעט, דיא אָרימע מאמע, קען אָבער גאָר ניט טהאָן. מען רויבט ביים טאטען אוועק דיא פרוכט פון זיין ארבייט, איז דיא מאמע געצוואונגען צו שיקען איהר קינד אין פעקטאָרי העלפען פערדיענען אויף ברויט און דערפאר בעצאָהלט זיא מיט'ן גליק פון איהר קינד.

דער סאָציאליזמוס זאָגט, ווען מען זאָל אייך אָבגעבען דאָס וואָס אייערע הענד בעשאפען, וואָלט אייער קינד ניט דארפען געהן אין פעקטאָרי. אבער אייערע רבי'לעך זאָגען אייך: ניין! סאָציאליזמוס איז א שגעון! זאָלען אייערע קינדער פערקריפּעלט ווערען אין דער פינסטערער פעקטאָרי, זאָלען דיא מאמעס שמאכטען און ניט קענען העלפען!

זון פערפינסטער דיך, מענשליכע ניעדערטראכט פערדיענט ניט דיין ליכט!

צווייפעלט איהר נאָך, אז דיא תוכחה ווערט אייך צוגעטהיילט פון אייערע גבאים אין דער וועלט?

טאָ הערט ווייטער:

„פרי אדמתך וכל יגיעך יאכל עם אשר לא ידעת והיית רק עשוק ורצוּץ כל הימים" — דיא פרוכט פון דיין ערד און דיא פרוכט פון דיין ארבייט וועט א'ן אנדער פאָלק געניסען, א פרעמדע, וועלכע דו קענסט ניט. איז ניט אמת, אז דיא רייכע פאבריקאנטען פער־שווענדען זייער געלד, זייער בלוט־בעפלעקטע געלד אין פרעמדע

לענדער און איהר זעהט דיא ליידיגגעהערס גאָר קיין מאָל ניט פאר דיא אויגען און זיי זיינען אייך פרעמד?

„בנים ובנות תוליד ולא יהיה לך, כי ילכו בשבי" — זיהן און טעכטער וועסטו געבוירען, אָבער זיי וועלען דיר ניט געהערען, דען זיי וועלען אין געפאנגענשאפט געהן. און קענט איהר מיר אָנרופען א שרעקליכערע תפיסה פאר א קינד וויא דיא פעקטאָרי? קען א בלום וואקסען אין א קעללער אָהן לופט און אָהן ליכט? וואָס דער קעללער איז פאר דער בלום, דאָס איז דיא פעקטאָרי פאר אייער קינד. געפאנגענשאפט פאר ביידע!

און הערט דעם סוף:

„הגר אשר בקרבך יעלה עליך מעלה מעלה ואתה תרד מטה מטה" — ער, דער פרעמדלינג, דער אָבגעפרעסענער סוועטער, וועל־כער שעהמט זיך אפילו וואויהנען צווישען אייך, ער וועט זיך איבער אייך ערהעבען העכער און העכער און איהר וועט זינקען טיעפער און טיעפער. און זאָגט מיר פריינדע, קענט איהר נאָך טיעפער זינקען?

אָט האָט איהר דאָ א הענדביל, א געדרוקטען מיט אונטער־שריפטען שווארץ אויף וויים. אָט דיזער הענדביל מיט דיזע אונטער־געשריעבענע נעמען צייגען וויא טיעף איהר זייט געזונקען.

אין דיזען הענדביל ווענדען זיך צו אייך אייערע פאָרשטעהער און ראטהען אייך פאר וועמען צו שטימען.

און פאר וועמען, גלויבט איהר, הייסען זיי אייך שטימען? אייך, וועלכע פראצעווען שטענדיג? אייערע רבי'לעך הייסען אייך שטימען פאר בעטעל־ברויט, פאר נדבות!

אָט לעזט אליין:

„זרח גראָבמאן", אזוי הייסט דער, פאר וועלכען מען הייסט אייך שטימען. „אָבוואָהל ער איז זעלבסט ניט קיין רייכער מאן, איז איבערגעבען מיט ליב און לעבען צו עניני צדקה, האָט פיעל טובות געטהאָן זיינע אידישע ברידער און שטעהט אין ענגע פערהעלטניסע מיט פיעלע צדקה־אנשטאלטען אין דיזער שטאָדט".

און אויף דעם זיינען אונטערשריבען אייניגע רבנים.

„שטימט פאר צדקה!“ זאָגט שלום אלחנן הרב דביהמ״ג.

און אזוי זאָגט דוב בער אבראמאָוויץ הרב בביהכ״נ משכן ישראל.,

פונקט אזוי זאָגט ברוך זאב מוטה.

און הרב ליב בינקאָוויטץ רב מעדת ישראל.

אין דיא זעלביגע מיינונג איז ישראל משה שפירא הרב בביה״כ פועל צדק, פאָרסייט סטריט.

און אויף דיזען צעטעל אויף וועלכען, וויא אייערע רבי׳לעך אליין זאָגען, זיינען אונטערגעשריעבען פינף פון דיא גרעסטע אידישע רבנים און גאונים פון ניו יאָרק, — און וועלכער צעטעל איז, אגב אורחא, געדרוקט געוואָרען אין א סקעב דרוקעריי, ווייל, וויא איהר זעהט, פעהלט אויף איהם דער לייבעל, — אָט אין דיזען אומריינעם צעטעל הייסט מען אייך וואוטען פאר׳ן בעטעל־זאק, פאר „צדקה!“

בערויבט און צוטראָטען אונטער שמוציגע פיס, טאָג און נאכט ארבייטענדיג און אליין האָבענדיג גאָר ניט, בעשאפענדיג אל־דאָס גוטס און אליין שמאכטענדיג זאָלט איהר — זאָגען אייערע רבי׳לעך — שטימען פאר אייענם וועלכער גיט זיך אָב מיט צדקה פון אייערט וועגען!

זיינט איהר ניט געזונקען?

צדקה ערניעדריגט! און אייערע, פון אייער פראצע פעט־געוואָרענע רבי׳לעך ראטהען אייך שטימען פאר צדקה!

וואָלטען אייערע גאָר ניט־טהוענדיגע רבי׳לעך געוואוסט, אז ס׳איז פאראנען פאר וועמען זיך צו שעהמען, וואָלטען זיי ניט אזוי חוצפה׳דיג גערעדט צו ארבייטער פון צדקה. אבער זיי ווייסען וויא טיעף איהר זיינט געזונקען, ווייל זיי אליין האָבען דעם סווע־טער מיטגעהאָלפען אייך צו ערניעדריגען, און דערפאר שעהמען זיי זיך פאר אייך ניט.

אויך ערלויבט מיר אייך צו זאָגען, דאָס זייער גאנצע הויכ־קייט איז דערפאר ווייל איהר זייט געזונקען! דען וואָלט איהר

שטעהען אויף דער שטופע פון מענשען־הויכקייט, וואָלטען אייערע רבי'לעך געווען דיא געזונקענע!

דיא וועלכע ארבייטען, וואָס בעשאפען כל טוב, זיינען עס דיא בעטלער!

דיא ליידיגגעהער גיבען צדקה!

און אין דיזען אומריינעם, מיט פינף רבנים געצייכענטען צעטעל, הייסט מען אייך שטימען פאר צדקה!

צדקה פאר וועמען?

צדקה פאר דיא וועלכע זיינען דא אונטערגעשריעבען? ניין! דיא אונטערצייכענטע, כאָטש זיי האָבען אין זייער לעבען קיין איין טאָג ניצליכע ארבייט ניט געטהאָן, דארפען קיין צדקה ניט!

ווער דען נויטיגט זיך אין צדקה?

איהר! נדבות פון אייער'ט וועגען!

אייך! אייך, וועלכע ארבייט אייער לעבען לאנג דארף מען שענקען!

דענקט איהר, אז אייערע פאַרשטעהער ווייסען ניט, אז מענשען וויא איהר, וועלכע ארבייטען פון פארטאָג ביז שפעט אין דער נאכט האָבען געזאָלט ניט דארפען קיין צדקה? האָבען ניט נויטיג מען זאָל זיי שענקען?

ווילט איהר מיר זאָגען, אז זיי ווארפט זיך ניט אָט דיזע פראגע אין דיא אויגען — „וויא קומט עס אז דיא יעניגע, וועלכע ארבייטען ניט, זאָלען קענען שענקען נדבות צו דיא וועלכע ארבייטען יא?“

איהר זיינט פערבלענדעט! זיי פערשטעהן דאָס זעהר גוט! זיי פערשטעהן, אז נור דער וואָס רויבט ביי איינעם אוועק אין גאנצען איז אים שטאנדע איהם, דעם בערויבטען, עפּעס צוריק־צושענקען. זיי פערשטעהן אז וועז אייער באָס גיט צדקה, רייסט ער אייך ארונטער פון דיא שכירות. און דאָך הייסען זיי אייך, אָהן שום בושה שטימען פאר צדקה.

פאר וואָס?

ווייל זיי ווייסען, דאָס מען קען אייך נאררען און זיי נאררען אייך! אייערע רבי'לאך האָבען פערלאָזען דעם בית המדרש און זיינען

אריין אין דער פּאָליטיק! דיא קאַפּיטאַליסטישע פּאָליטיק פון דער גאַנצער וועלט איז שמוציג; דיא קאַפּיטאַליסטישע פּאָליטיק פון אמעריקא איז די שמוציגסטע פון אלע אנדערע פּאָליטיקען פון דער גאַנצער וועלט; דיא קאַפּיטאַליסטישע פּאָליטיק פון ניו יאָרק איז דיא שמוציגסטע פון גאַנץ אמעריקא, און דיא בודל־פּאָליטיק מיט דיא פּאָליטשענס פון דער איסט סייד זיינען דיא שמוציגסטע אין ניו יאָרק — און אין דיזער פּאָליטיק האָבען זיך אייערע רבי'לעך ארייגעוואָרפען.

און פיר וועמען הייסען זיי אייך שטימען?

זיי הייסען אייך שטימען פאר איינעם, וועמען דאָס שטיקעל ברויט האָט געמאכט פאר א פייגלינג, זיי הייסען אייך שטימען פאר א קליין מענשעלע,וועלכער איז ארויסגעשטעלט פאר א קאנדידאט דורך א פּארטיי וועלכע ווערט קאָנטראָלירט פון דיא מעכטיגע טראָסטס פון אמעריקא, אָט יענע טראָסטס וועלכע מאכען אייך בעצאָהלען דאָפּעלט פאר יעדען ביסען אייערען, פאר יענער פּארטיי וועלכע קאָנטראָלירט דיא קוילען פון אמעריקא און וועלכע וועט אייך מאכען פיהלען איהר מאכט אזוי באלד וויא עס וועט נור קאַלט ווערען. און אייערע רבי'לעך, וועלכע ווייסען זעהר גוט פון דעם אלעמען, הייסען אייך וואוטען פאר דער פּארטיי וועלכע פערטרעט דיא קוילען־מאגנאטען!

פאר וואָס?

ווייל זיי ווייסען מען קען אייך נאררען און זיי נאררען אייך! „שטימט פאר איהם", זאָגען זיי. „ער איז איבערגעבען מיט לייב און לעבען צו עניני צדקה"! אך, וואָס פאר א ווייכע הערצער מוזען עס דאָרט שלאָגען אונטער זייערע שווארצע קאַפּאָטעס! מיט צדקה ווילען זיי אייך פערזאָרגען!

אָט האָט אין אידישען קווארטאל זיך געפונען א בעל צדקה, וועלכער האָט מיט אמאָל דערפיהלט, אז דעם אָרימאַן איז שלעכט, אז איהם איז שווער צו צאָהלען א קוואָדער א פייל קוילען, און ער פערקויפט א פייל קוילען פאר נור פופצעהן סענט פאר דיא אָרימע, — און ווער אין דעם אידישען קווארטאל איז ניט אָרים? —

קוים האָט מען זיך דערוואוסט דערפון, האָט עס אָבגעקלונגען פרעהלאַך אין אַלע גאסען, וואָס איז? מען שענקט נדבות, מען נעהמט ביי דיא קבצנים פאר א פייל קוילען נור צוויי מאָל אזוי פיעל אנשטאט פיער מאָל אזוי פיעל, וויא ער איז ווערטה...

אין א טענעמענט הויז אין סאָפפאָלק סטריט אויף'ן פינפטען פלאָר וואוינט א'ן אלמנה מיט דריי יתומים. זיא איז דיא אלמנה פון א'ן ארבייטער און זיא וואַשט פרעמדע וועש כדי איהרע קינדערלאך זאָלען ניט דארפען קיין צדקה. זיא שעהמט זיך מיט צדקה. וועש פרעמדע וויל זיא וואשען. אבער נדבות, אָט מיט יענע בלוטיגע נדבות פאר וועלכע אייערע רבי'לעך הייסען אייך שטימען, שעהמט זיא זיך. זיא שעהמט זיך מיט נדבות, ווייל אין איהר ברוסט גליהט נאָך א פונק פון מענשליכקייט. ארבייט, שווערע ביטערע ארבייט, זאָגט זיא, איז איהר ליעבער איידער צדקה. זאָלען אייערע זרח גראָבמאַן'ס זיך אָבגעבען מיט צדקה, זאָלען אייערע רבי'לעך שטאָלצירען מיט נדבות, „איך", האָט געזאָגט דיא אלמנה, „שעהם זיך מיט צדקה". זיא וואשט פרעמדע וועש. דאָס איז עהרליך! צדקה איז העסליך און ניעדריג!

און ווען דיא אומגליקליכע האָט געהערט, אז קוילען זיינען ביליג געוואָרען, האָט זיא ניט פערשטאנען, אז אויך דאָס איז צדקה און מיט א זאק אויף דעם רוקען זעהן מיר זיא טראָגענדיג דריי פייל קוילען מיט איין מאָל, ווייל זיא האָט זיי נויטיג. ס'איז שווער, זיא שוויצט, זיא קרעכצט, איהר שיינט אלע מאָל, אז דער אָטהעם געהט איהר אויס, אבער זיא טראָגט דיא קוילען; דיא קינדער ווילען עסען. איהר שיינט, אז זיא וועט אונטער דער שווערער מאסע צוזאמענברעכען, אבער זיא נעהמט צוזאמען איהרע לעצטע ביסעלע כחות און געהט ווייטער. עס מיינט ברויט פאר דיא קינדערלאך!

שוין איז זיא ביים טענעמענט וואו זיא וואוינט, יעצט נאָך פינף טרעפּ, פינף לאנגע, פינסטערע טרעפּ.

זיא גיט א טיעפען זיפץ, בייגט נאָך מעהר איין איהר איינגעטרוקענטען רוקען און טראָגט ווייטער; דיא קינדער ווילען עסען! איין ושטיגע ארויף! דיא הארץ הייבט אָן ווילד קלאפּען!

א צווייטע שטיגע ארויף! איהר פאנגט דער קאפּ אָן צו דרעהען!

א דריטע שטיגע ארויף! איהר בעגיסט א קאלטער שוויס!

א פערטע שטיגע ארויף! איהר ווערט שוואך צו אָטהעמען!

א פינפטע שטיגע ארויף, אָט איז זיא שוין אויבען. אָט הערט זיא שוין דיא זיסע קול׳בעלאך פון איהרע קינדערלאך, זייער פרעה־ליכעס, זיסעם לאכען. מיט אמאָל הערט זיך א געשריי פון א פרויען־ברוסט, און א פאל, געפאַלגט פון א קייקלען־זיך פון א מענשליכען קערפּער און צושאָטענע קוילען, אויסגעמישט צוזאמען, דיא טרעפּ אראָפּ.

דיא אלמנה איז טויט. זיא איז געשטאָרבען מיט דער צדקה אויף איהר צובראָכענעם רוקען!

און דורך וועמען?

וויא קומט עס עפּעס אז דיא אלמנה האָט בעדארפט אליין ארויפשלעפען דיא קוילען אויף פינף שטיגען?

עס איז דערפאר, ווייל דיא קוילען־מאגנאטען ווילען אזוי.

ווער זיינען דיא קוילען־מאגנאטען וואָס ווילען אזוי?

דאָס זיינען דיא פאָרשטעהער פון דער רעפּובליקאנער פּארטיי.

פון וועלכער פּארטיי איז ארויסגעשטעלט זרח גראָבמאן?

פון דער זעלביגער רעפּובליקאנער פּארטיי.

און פאר וועמען הייסען אייך אייערע רבי׳לעך וואוטען.

זיי הייסען אייך וואוטען פאר׳ן מלאך המות פון דער אלמנה.

דיא רבי׳לעך אייערע הייסען אייך שטימען פאר צדקה און אויך פאר דיא יעניגע דורך וועלכע איהר ווערט געצוואונגען צו נויטיגען זיך אין צדקה.

און דאָסאיז דערפאר, ווייל זיי ווייסען, אז מען קען אייך נאררען און זיי נאררען אייך!

מיר סאָציאליסטען זאָגען: עפענט אייערע אויגען און זעהט וואָס טהוט זיך דאָ מיט אייך! בעטראכט יענע, וועלכע הייסען אייך שטימען פאר צדקה און יענע, וועלכע געבען אייך צדקה און איהר וועט זעהען, אז אויף זייערע הענד קלעפּט דיא בלוט פון

יענע אלמנה, וועלכע איז געשטאָרבען מיט דער נדבה אויף איהר רוקען; אויף זייערע שווארצע זיידענע קליידער קלעפּען דיא טרעהרען פון דיא דריי יתומים׳לעך, וועמעס מאמע איז געפאלען אונטער דער לאסט פון צדקה.

מיר סאָציאליסטען ווארפען א פלוך, א טויזענד־פאכען פלוך אויף אלע יענע, וועלכע הייסען אייך שטימען פאר צדקה.

צדקה? שענקען? אייך שענקען? אייך, וועלכע בעשאפען אלע רייכטהימער פון דער וועלט? דער סאָציאליזמוס זאָגט, אז שענקען דארפען קענען דיא, וועלכע ארבייטען, און נויטיגען זיך אין צדקה דארפען יענע, וועלכע ארבייטען ניט.

איהר אלס מענשען מיט שכל מוזט ענטפערן אויף דער ערניעדריגונג פון אייערע רבי׳לעך בזה הלשון:

„רבי׳לעך! ניט קיין צדקה האָבען מיר נויטיג. ניין! מיר שלײדערען אייך צוריק אין אייערע פנים׳ער ארײן אייער צדקה! ניט קיין צדקה דארפען מיר, הערר גראָבמאן! פון צדקה לעבט איהר! וואָס מיר פערלאנגען איז, אז קיינער זאָל ביי אונז ניט אוועקרויבען דאָס וואָס מיר ארבייטען אויס! וואָס אונזערע הענד בעשאפען זאָל זיין אונזערס!

דאָס וואָלט הייסען ריידען וויא שכל׳דיגע מענשען און דאָס הייסט סאָציאליזמוס.

דיא גרויזאמע תוכחה שעלט אייך „הוא ילוך“ — „ער זאָל דיר לייען“ און וויא גרויזאם, בלוטיג גרויזאם זיינען עס אייערע רבי׳לעך, וועלכע לעגען אויף ארויף נאָך א העסליכערע קללה: דיא קללה פון צדקה נעהמען!

און איהר? וואָס ענטפערט איהר דארויף? איהר זאָלט ענטפערן? וויא קומט איהר צו ענטפערן? אייך, וועמען מען האָט איינגערעדט, אז מען טאָר ניט פרעגען, וויא קומט צו אייך איהר זאָלט קענען ענטפערן?

דער סאָציאליזמוס פרעגט: איז נויטיג צדקה ווען דיא ערד איז אזוי רייך?

און מיר סאָציאליסטען ענטפערן: ניין!

* * *

איך זעה, אז איך הייבט אָן צו פעהלען א׳ן אורזאכע פאר וואָס צו האסען דעם סאָציאליזמוס. איהר פרעגט אייך יעצט, פאר וואָס האָבען מיר פיינד געהאט דעם סאָציאליזמוס? וויא אזוי האָבען מיר געהאסט בעפאָר מיר האָבען פערשטאנען? נון! איך וועל אייך ארויסהעלפען פון אייער פערלעגענהייט.

האָבען אייך ניט אייערע רבי׳לעך אמאָל געזאָגט, אז דיא סאָציאליסטען זיינען אפיקורסים? אמת, ס׳איז פאר אייך א גוטער תירוץ פאר וואָס איהר האסט דעם סאָציאליזמוס? איך וועל אייך אבער צייגען, אז אויב צווישען אונז ביידע איז דאָ א׳ן אפיקורוס, זייט איהר עס דער גרעסטער, און ניט מיר, און איך וועל דאָס אייך בעווייזען.

דיא תורה דערצעהלט אונז, וויא גאָט האָט בעשאפען אדם און חוה׳ן און זיי ארייגעזעצט אין גן עדן, און וויא ער האָט זיי פער־באָטען צו עסען פון׳ם עץ הדעת, און וויא דיא שלאנג האָט אָנ־גערעדט חוה׳ן זיא זאָל עסען פון דיא פערבאָטענע פרוכט. און ווען גאָט ווערט געוואָהר, אז דיא צוויי מענשען האָבען איהם ניט געפאָלגט, ווערט ער אין כעס און פארשעלט אלע דריי מיט ביטערע קללות. דיא שלאנג שעלט ער: „על גנך תלך ועפר תאכל“, אויפ׳ן בויך זאָלסטו קריכען און ערד זאָלסטו עסען! דיא פרוי האָט ער געשאָלטען: „בעצב תלדי בנים“, מיט שמערץ זאָלסטו געבעהרען קינדער, און דעם מאן האָט ער געשאָלטען: „בזעת אפיך תאכל לחם“, מיט׳ן שוויים פון דיין געזיכט זאָלסטו עסען ברויט.

נון, זאָגען מיר סאָציאליסטען, אז גאָט׳ס ווערטער זאָלען מקוים ווערען. וואָס זעהען מיר אָבער?

דיא ערשטע קללה איז מקוים געוואָרען, ווייל מיר זעהען, אז נאָך ביז היינטיגען טאָג קריכט דיא שלאנג אויפ׳ן בויך און עסט ערד; דיא צווייטע איז אויך מקוים געוואָרען: ווייל נאָך ביז היינטיגען טאָג געבעהרט דיא פרוי מיט שמערצען; דיא דריטע קללה אָבער איז אויסגעגאנגען אויף אייך אליין.

מיר סאָציאליסטען זאָגען, אזוי וויא דיא ערשטע צוויי קללות

פון גאָט זיינען מקוים געוואָרען, אזוי זאָל אויך דיא דריטע מקוים ווערען פאר אלע מענשען גלייך.

האָט גאָט געמיינט נור אייך, ווען ער האָט געזאָגט: „בזעת אפיך תאכל לחם“? האָט גאָט ניט געמיינט דעם מענשען? און זיינען אייערע רבי׳לעך מעהר וויא מענשען? זיינען אייערע סוועטערם מעהר וויא מענשען? האָט גאָט זיי ניט געמיינט? האָט גאָט געמיינט שמואל דעם קראנקען ביגלער יא, און „שלום אלחנן יפה“ ניט?

ניין! דער „בזעת אפיך תאכל לחם“ איז געמיינט פאר אלע מענשען גלייך און א רעכט צו עסען האָט נור דער, וואָס ארבייט, און ווער עס עסט אָהן ארבייט עסט אייערס.

זאָגט, ברידערלאך, ווער זיינען דיא גרעסערע אפיקורסים, מיר אָדער איהר?

נאָך מעהר, אפילו דיא קללה אליין לאָזען זיי אייך אויך ניט וויא גאָט האָט געבאָטען, נור זיי טהיילען זיך מיט אייך, דעם „בזעת אפיך“ געבען זיי אייך און דעם „תאכל לחם“ בעזאָרגען זיי.

טאָ זייט ניט קיין אפיקורסים! געהט צו אייערע רבי׳לעך, צו אייערע סוועטערם, צו אייערע בעלי צדקות, און זאָגט זיי, אז גאָט׳ם ווערטער מוזען מקוים ווערען. געהט צו אלע, וועלכע לעבען פון אייער פראצע און זאָגט זיי, אז אויך זיי האָט גאָט געמיינט ווען ער האָט געזאגט „בזעת אפיך תאכל לחם“. זאָגט זיי, אז צו עסען האָט א רעכט נור דער, וועלכער ארבייט מיט דעם שוויים פון זיין געזיכט. זאָגט זיי דאָס און איהר האָט זיי געזאָגט גאָט׳ם וואָרט, איהר האָט זיי געזאָגט דעם סאָציאליזמוס.

און דאָך, זייט איהר דיא אפיקורסים? ניין! מיר פאלט גאָר ניט איין צו פערלייקענען דיא וואהרהייט. איהר זייט אפיקורסים? ניין! מיר זיינען עס דיא אפיקורסים, מיר סאָציאליסטען ווילען זיך אליין מעהר ניט נארען, דערפאר גלויבען מיר ניט מעהר, און וואָלט איהר זיין דענקענדע מענשען, וואָלט איהר פערשטאנען, אז אפיקורסות איז דער ראָד אויף וועלכע דער פראָגרעס בעוועגט זיך פאָרווערטס. דער פראָגרעס איז א לופטשיף, דער פרייער געדאנק

איז דיא פליגלען וועלכע בעוועגען דעם שיף העכער, דער גלויבען איז דיא באלאסט. ווארפט אראב דיא באלאסט און דיא שיף וועט זיך אויפהייבען צו ערשטוינליכער הויכקייט!

דאך ניט פילאזאפירען זיינען מיר געקומען אהער־צו.

לאמיר זעהען וואס איז דער וואוט און וועלכע ווערדע האט ער?

איז אייך בעקאנט דער נאמען וואשינגטאן? דיזער גרויסער מענש האט זיין לעבען איינגעשטעלט. ווייסט איהר פאר וואס? כדי איהר זאלט האבען א רעכט צו שטימען.

ערשט ניט לאנג צוריק איז בעלגיען שיער ניט פערפלייצט געווארען פון ארבייטער־בלוט כדי צו קריגען דאס רעכט וועלכעס איהר האט: דאס רעכט צו וואוטען.

יעדען טאג ווערען אין רוסלאנד פערשיקט עדעלע מענשען, מאססען נאבעלע הערצער שמאכטען אין קאלטען סיביר. פאר וואס? כדי דאס אונטערדריקטע רוסישע פאלק זאל האבען דאס רעכט וואס איהר האט: דאס רעכט צו וואוטען. וויא איהר זעהט, איז דיזעס רעכט, דאס רעכט צו וואוטען, א טהייער בעצאהלטע זאך. און וואס פאר א נוטצען האט איהר פון דיזען רעכט? וויא קומט עס, וואס א רעכט, פאר וועלכען מענשען האבען אוועקגעגעבען און געבען נאך היינט אוועק זייערע לעבענס, וויא קומט עס וואס אזא טהייער־בעצאהלטע רעכט וועלכען איהר בעזיצט, קען אייך ניט ניטצען אפילו צו קריגען א גרעסערען שטיקעל ברויט?

לאמיר זיך ניט נארען, וועלכען נוטצען ברענגט אייך דער וואוט?

נוטצען? וויא קענט איהר האבען א נוטצען פון עפעס וועמעס ווערט איהר פערשטעהט ניט? זעהט נור אייערע כל ישראל־פערזארגער—זיי ווייסען יא דעם ווערטה פון אייערע וואוטס און זיי האבען טאקי יא א נוטצען פון זיי. זעהט אייערע העסליכע פאלי־טישענס, זיי פערשטעהען יא דעם ווערטה פון אייער וואוט און זיי האבען א נוטצען פון איהם! האט אייער שטימע ווען־עס־איז אייך גענוטצט? ניין! און דאס איז דערפאר ווייל איהר זיינט ניט

קיין דענקענדע מענשען. קען א קינד זיך בענוטצען מיט פולווער? ניין! און ווען ער בענוטצט זיך יא שעדיגט ער זיך אליין. איהר בענוטצט זיך מיט אייער וואוט אויף דער זעלבער וויזע: ענטוועדער איהרווארפט איהם אוועק, אדער איהר שעדיגט זיך אליין.

יעדען יאהר, פאר עלעקשאן־צייט, קומען צו אייך פיעלע ליידיג־געהערס, וועלכע רופען זיך פאליטישענס, אידישע און ניט־אידישע בויאנעס פון ניעדריגסטען סארט, בעטען אייער וואוט. האט איהר אייך אמאל געפרעגט וויא מענשען מיט שכל: וואס ווילען דיזע רויט־נעזיגע ברואים׳לאך? וואו זיינען זיי דעם גאנצען יאהר? יעמאלט ווען איהר פראצעוועט ביז שפעט אין דער נאכט, וואס טהוען זיי? וואלט איהר געווען דענקענדע מנשען, וואלט איהר געזעהען, אז וועהרענד אייערע געפאלענע רבי׳לאך ערניעדריגען אייך, מאכען אייערע פאליטישענס פון אייך פראסט חוזק. איין יאהר קומט צו אייך א שכור׳ער פאליטישען און זאגט אייך:

„ארבייטער, אייך איז שלעכט? טא הערט דיא רפואה. איהר מוזט האבען פרייע זילבער“! און פיעלע פון אייך כאפען דיא פרייע זילבער רפואה מיט ביידע הענד. פערשטעהט איהר עפעס א סך, איהר פערקריפעלטע ביגלערס, וואס דאס איז אזוינס „פרייע זיל־בער“? בעגרייפט איהר ווירקליך פיעל וויא אזוי איהר שוירט־מייקערס קענט געהאלפען ווערען דורך „פריי זילבער“, און דוקא ניט קיין פראסטע נור „16 צו 1“? און טאקי אין דער אמת׳ן, וויא קען מען עם עפעס זיין א ביגלער אהן פריי זילבער? וויא וואלט אויסזעהען א שוירטמאכער אהן זעכצעהן צו איינס? איהר פער־שטעהט דאס דען עפעס ניט, וואס?......

איהר לאכט? טאטע, דו לאכסט, וועה צו דיין געלעכטער!

אט געהט אקארשט צו צום קארנער און איהר קענט זעהן א וואגען מיט א פערד פון פארענט, און עטליכע פון הינטען, און מען רעדט פאר פייער און פאר וואסער. וויעדער האט א פאליטישען פאר אייך א רפואה. ער זאגט, אז „פרייע זילבער“ טויג אויף כפרות, “זעכצעהן צו איינס“ וועט אייך מאכען נאך ארימער; נאר וואס איהר דארפט יא, זאגט ער, איז א ריינעם „גאלד־סטענדארד“,

און נור א גאָלד־סטענדארד, און טאָמיר, חס וחלילה, ניט קיין „גאָלד סטענדארד", זייט איהר אומגליקליך. און וויעדער געפינען זיך ארבייטער, וואָס גלויבען איהם! ווייסען זיי א סך וואָס דאָס איז א „גאָלד־סטענדארד"? טאקי, וויא איז מען עס עפּעס א בייסטער אָהן א „גאָלד סטענדארד"? וואו האָט מען עס געהערט אויף א וועלט פּענטסמאכער אָהן א „גאָלד סטענדארד"?... זאָל דער רויט־נאָזיגער פּאָליטישען אזוי וויסען פון זיין הויכען קאפּעלוש וויא ער וויים גאָר אליין וואָס זיי מיינען מיט „גאָלד סטענדארד", „פריי זילבער" אָדער „זעכצעהן צו איינס"!

אָט האָט איינער ענטדעקט אז איהר דארפט גאָר האָבען דיא פיליפּינען! און ניט נאָר דיא פיליפּינען דארפט איהר האָבען, נאָר אויך קיובא, פּאָרטאָ ריקאָ. און טאקי פאר וואָס דארפט איהר עס ניט? וויא קענט איהר גאָר זיין פעדלערס אָהן דיא פיליפּינען?

לאכט ניט, ברידערלאך! עס בלוטעט דיא הארץ צו זעהען וויא מען נאררט אייך. א רפואה זוכט איהר צו אייער דלות און איהר קענט געפינען, און איהר כאפּט זיך אָן אָן יעדע שטרוי וואָס עס דערלאנגען אייך דיזעלביגע דורך וועלכע איהר ליידעט. איהר גלויבט זייערע בלאָפס, חאָטש איהר הייבט גאָר ניט אָן זיי צו פער־שטעהן.

וואָלט איהר, ארבייטער, אָבער זיין מענשען מיט כאָטש אבי־סעלע שכל, וואָלט איהר אייך זאָגען: דיא אלע פאָרגעשלאָגענע רפואות פערשטעהען מיר דאָך גאָר ניט, אָבער אזוי פיעל קענען מיר דאָך פערשטעהן, אזוי פיעל זעהען מיר דאָך אָפען, אָהן שום חכמות, אז ווען דיא פרייזילבערניקעס שטעהען ביי דער רעגירונגס־מאשין איז אונז פינסטער פאר דיא אויגען ווען דער ערשטער מיט דעם לענדלאָרד קומען אָן, זיינען דיא „גאָלד סטענדארד'ניקעס" ביי דער רעגיערונגס־מאשין אויך דאָס זעלבע. סלעק און סעק זיינען צו אלע צייטען גלייך. צו איינע פון דיא אלטע פּארטייען, צו דיא אנדערע הערשט, דיא נויטה איז פונקט אזוי גרויס, דיא דריי רומ־קעס פונקט אזוי פינסטער, דער באָס פונקט אזוי רויבעריש, דער פּאָרמאן פונקט אזוי בלוטיג, אונזערע גאסען פונקט אזוי שמוציג,

דיא לופט פונקט אזוי פערפעסטעט, דיא ווייבער אזוי קראנק, דיא קינדער אזוי בלייך און מיר פונקט־אזוי ארעם און האפנונגסלאז. יוגענד, לעבען און לעבענספרייד געהען אוועק אלץ ווייטער און דער קבר קומט אלץ נעהנטער. טראָגט אלע דיזע רפואות.

גלויבט איהר, קלוגע מענער, אז איהר זייט בעשאפען געוואָרען נור צו פערבלוטען אין א פינסטערער פעקטאָרי, כדי אנדערע, וועלכע ארבייטען ניט זאָלען קענען לעבען? גלויבט איהר, אז אייערע קינדער מוזען שטארבען פאר דער צייט און אייערע פרויען מוזען ווערען אלט פאר דער צייט, כדי אנדערע זאָלען קענען לעבען אין לוקסוס און אין איבערפלוס?

ניין! איהר זיינט ניט נאָר בייסטער און ביגלער, קודם זיינט איהר מענשען, און אלס מענשען דארפט איהר פאָדערען אייערע פוללע מענשענרעכטע, דאָס הייסט דאָס רעכט צו לעבען און צו געניסען פון דעם גוטס פון דער וועלט וועלכעס איהר העלפט בעשאפען! אט דאָס קענט איהר דאָך יא לייכט פערשטעהן!

און סאָציאליזמוס מיינט טאקע יעדען דיא פוללע פרוכט פון זיין ארבייט.

דאָס וואָס איהר ארבייט אויס, דארף זיין אייערס! דאָס וואָס דיא ליידיגגעהערס ארבייטען, דארף זיין זייערס!

זאָגט מיר, ברידערלאך! דארף מען דען זיין א פילאָזאָף דאָס צו פערשטעהן? האָבען ניט אייערע פרויען און קינדער מעהר רעכט צו דעם וואָס אייערע הענד ארבייטען אויס, וויא יענע רייכע ליידיגגעהערס? און איז ניט אמת אז אייערע קינדער האָבען צו וועניג דאָס וואָס דיא קינדער פון דיא רייכע ליידיגגעהערס האָבען צופיעל?

בעטראכט אייערע טעכטער, איהר ארבייטער, און ווען איהר זעהט וויא זיי זיינען קליין, ניט דערוואקסען, אָהן לעבען, אָהן פריש־קייט, פרעגט אייך וויא קומט עס? פרעגט אייך, וואו איז זייער שעהנקייט, וואו איז זייער יוגענד? אלט אָהן יאָהרען, אלט אָהן לעבען, פאר וואָס?

פאר וואָס? בעטראכט דיא בריליאנטען וועלכע דיא פרויען

פון אייערע בלוטזויגערס טראָגען אויף זיך און איהר וועט פער־שטעהן פאַר וואָס. דיזע בריליאַנטען זיינען עס דיא קריסטאַלי־זירטע יוגענד פון אייערע טעכטער. דאָס שפּיעלענדע פייער אין דיא טהייערע שטיינער זיינען עס דיא אויסגעפלאַמטע לעבענס פון אייערע טעכטער, דער רויטער בליטשטשען וועלכער פינקעלט אויף פון דיא דיאַמאַנטען פון דיא ווייסע העלזער, איז עס דאָס בלוט פון אייערע אָרימע קינדער, אַט דיזער גלענצענדער רייכטהום איז דיא קוועלע פון אייער שרעקליכען דלות!

בעטראַכט דיא זיידענע און סאַמעטענע קליידער אויף זייערע פעטע לייבער און צווישען דיא פעדים וועט איהר געפינען, אז עס קלעפּט דיא בלוט פון אייערע קינדער. בעטראַכט זייערע גרויסע, שעהנע קערפּער און איהר וועט פערשטעהן פאַר וואָס אייערע טעכטער זיינען קליין און בלייך. בעטראַכט דיא פּעריל, וועלכע דיא פרויען פון אייערע סוועטערס טראָגען אויף זיך און איהר וועט אין זיי דערקענען דיא קריסטאַליזירטע טרעהרען פון אייערע שוואַכע פרויען. בעטראַכט דעם רייכטהום און דעם איבערפלוס ביי יענע וואָס טהוען ניט קיין האַנד אין קאַלטע וואַסער און איהר וועט פערשטעהן פון וואַנען עס נעהמט זיך אייער ביטערער דלות.

און טאַקי איהר אליין? ווען זייט איהר יונג געוועזן? אייערע פּנים'ער ריידען פון נויטה און עלענד, פון קראַנקהייט און יסורים, וויא קומט עס? כמעט יעדער פון אייך איז אין דער געפאַהר צו קריגען דיא שרעקליכע אַרבייטער־קראַנקהייט, דיא שווינדזוכט, פאַר וואָס?

בעטראַכט אייערע בעלי צדקות, בעטראַכט אייערע רבי'לעך, וועלכע הייסען אייך שטימען פאַר צדקה, און איהר וועט פערשטעהן פאַר וואָס אייך ערוואַרטעט דיא שווינדזוכט.

פרעגט אייערע רבי'לעך, וויא קומט צו זיי אזא רויטער, פעטער קאַרק?

וויא קומט עס, וואָס זיי זיינען גרויס און געזונד און איהר קליין און שוואַך? אפשר פון תעניתים זיינען זיי אזוי פעט?

יא, פריינדע, טאקי פון תעניתים, פון אייערע תעניתים: זיי ווערען פעט ווייל איהר פאסט.

* * *

היינט געהט אין דיא אמעריקאנער פאָליטיק דיא סדרה „עקס־פענשען“. און מיט דעם וואָרט וועט מען אייך נאָך פיעל פערשלאָגען דעם קאָפּ. לאָמיך־זשע דאָס עטוואָס מעהר בעטראַכטען.

אם מייסטען, פריינדע, ליידעט איהר פון דער אונזיכערהייט פון שטיקעל ברויט פון מאָרגען, אָדער, וויא איהר וואָלט עס רופען, דיא מורא פאר סלעק. אייערע פאָליטישענס וויסען, אז דאָס פיהלט איהר אם שרעקליכסטען און כדי אייך צו בערוהיגען, האָבען זיי ענטדעקט א רפואה, — דיא „עקספּענשאָן־פּאָליטיק“.

עקספּענשאָן הייסט זיך אויסציהען, גרעסער ווערען, וואקסען. דיא בייכעלע פון איינעם פון אייערע רבי׳לעך איז א׳ן עקספּענשאָן־בייכעלע; דער געלד אפּעטיט פון אייער בלוטיגען סוועטער אָדער לענדלאָרד איז א׳ן עקספּענשאָן־אפּעטיט; דער שנאפּס־דורשט פון א ניו יאָרקער פּאָליטישען איז א׳ן עקספּענשאָן־דורשט; דיא חוצפה פון אייערע בעלי צדקות איז א׳ן עקספּענשאָן־חוצפה.

וואָס־זשע הייסט עקספּענשאָן־פּאָליטיק?

עס הייסט, אז אונזער לאַנד זאָל זיך אויסציהען, פערכאַפּען קאָלאָניעס וויא, צום ביישפּיעל, האוואי, פיליפּינען, א. ז. וו. מיר שיינט, אז איהר קענט ניט פערשטעהן וואָס פאר א שייכות א ביגלער האָט מיט קיובא, אָדער א בייסטער מיט דיא פיליפּינען. איהר שיינט ניט צו פערשטעהן דעם חילוק פון יא עקספּענשען ביז ניט־עקספּענשען.

אָט הערט אייך צו. בעפאָר מיר האָבען נאָך געהאט פּאָרטאָ ריקאָ, קיובא און דיא פיליפּינען, האָבען דיא סטאטיסטיקער גע־צייגט, אז אין דער איסט סייד פון ניו יאָרק, דאָרט וואו איהר וואויהנט, ווערט יעדע וואָך ארויסגעוואָרפען אויפ׳ן גאס זעכציג שניידער פאר ניט האָבען צו צאָהלען קיין רענט. יעצט אָבער אזוי וויא אונזער לאַנד איז גרעסער געוואָרען, מיר האָבען שוין דורך דיא עקספּענשען פּאָליטיק צוגעקראָגען נאָך קאָלאָניעס, נייע לאַנד,

ציינט אונז דיא זעלבע סטאטיסטיק, אז אויף דער איסט סייד
ווארפט מען ארויס 93 שניידער יעדע וואָך פאר ניט האָבען דעם
רענט צו בעצאָהלען. וויא איהר זעהט, איז שוין יא א חילוק צווישען
יא עקספּענשען און ניט־עקספּענשען
בעסער הערט וואָס דער פּאָליטישען האָט אייך דאריבער צו
זאָגען:

„ארבייטער", זאָגט ער, „ווייסט איהר פאר וואָס איהר ליידעט
אזוי פיעל פון סלעק? אָט הערט: דער באָס גיט אייך ארבייט
און אזוי שנעל וויא ער פערקויפט דיא פארטיגע סחורה, מוז ער
האָבען אנדערע, גיט ער אייך ווייטער ארבייט. וויא באלד אָבער ער
קען זיין סחורה ניט פערקויפען בלייבט זיא ליגען אין וועהרהויז
און ס'איז סלעק. און דיא רפואה דערצו, זאָגט דער פּאָליטישען,
איז עקספּענשאָן. דאָס הייסט, זאָלען מיר נור האָבען א סך קאָלאָ־
ניעס וועלען מיר אהינצו שיקען אונזערע פארטיגע סחורות צום פער־
קויף, דאמאלס וועט איהר ארבייטער ניט וויסען פון קיין סלעק.
פאר וואָס? ווייל מיר וועלען דיא אָנגעארבייטע סחורה גלייך
אוועקשיקען צו דיא פיליפינער. דאכט זיך, ניט קרום, הא? איז
אָבער דער פּאָליטישען אליין א קרומע זאַך, און פון איהם קען קיין
גלייכע זאַך גאָר ניט ארויסקומען.

ער זאָגט אז אייך איז שלעכט, ווען?
ווען ס'איז סלעק!
און שלעכט איז פאר וואָס?
ווייל ס'איז פאראן צופיעל סחורה!

הייסט עס, ווען איז אייך שלעכט? ווען ליידעט איהר נויטה?
דער פּאָליטישען זאָגט, אייך איז שלעכט ווען ס'איז פאראן צו־
פיעל, איהר הערט א שכל? איהר ארבייט אלעס נויטיגע צום
לעבען און ווייל איהר ארבייט אויס צופיעל, דערפאר איז אייך
שלעכט! וואָלט אייך אפשר זיין בעסער ווען איהר זאָלט אויס־
ארבייטען ווייניגער?...

הערט וואָס מיר האָבען צו זאָגען:
איהר ארבייט אויס אלעס וואָס איז נויטיג צום לעבען, אבער

א חוץ דעם וואָס איהר ארבייט דארפט איהר אויך לעבען, דאָס הייסט, איהר זיינט דיא בעשאפער פון דער סחורה און איהר זיינט אויך דיא קונים. נון, קומט אויס אזוי: ווען מיט דיא שכירות וועלכע איהר קריגט פאר אייער ארבייט וואָלט איהר געקענט צוריק־קויפען דאָס וואָס איהר ארבייט אויס, וואָלט קיין סלעק ניט געקענט זיין, ווייל דאָס וואָס איהר וואָלט אויסארבייטען, וואָלט איהר אויך פערברויכט.

איז עס אָבער ניט אזוי.

מיט דעם לוין וועלכען איהר קריגט פון דיא רויבער פון אייער פראצע פאר א טאָג ארבייט, קענט איהר קוים צוריק קויפען א פערטעל דערפון, וואָס איהר האָט פערטיג געמאכט, וואָס־זשע ווערט פון דיא אנדערע דריי־פערטיל? עס קלייבט זיך צוזאמען אין וועהר־הויז און ביי אייך איז סלעק.

זאָל מען דאָס וואָס איהר ארבייט אויס און קענט ניט צוריק קויפען, כאָטש איהר האָט עס נויטהיג, שיקען צו דיא פיליפינער? אָדער איז ניטאָ א בעסערע רפואה — איהר זאָלט עס האָבען?!...

* * *

אין בראָדוויי געפינט זיך א גרויסע פאבריק פון וואָלענע קינדער הייבעלעך. צווישען הונדערטע עלטערע מענשען ארבייטען דאָרט אויך קליינע מיידעלעך פון צוועלף און דרייצעהן יאָהר, און דיזע קינדער, וועלכע פארברייינגען זייער יוגענד צווישען דיא שווארצע ווענט פון פעקטאָרי, אָט דיזע קינדער, וועלכע פערוועלקען נאָך איי־דער זיי בליהען אויף, אָט דיזע עופה'לעך מוזען ארבייטען כדי צו העלפען זייערע טאטעס פארדינען אויף ברויט.

צווישען דיא קינדער, וועלכע ארבייטען ביי דיזע ווינטער הייבעלעך, ארבייט א קליינע מיידעלע, וועמעס טאטע איז א קראנקער, און זיא, דיא קליינע עופה'לע „פיהרט דיא הויז" מיט דיא צוויי און א האלבען דאָלאר א וואָך, וואָס זיא פארדיענט. אין איהרע שעהנע טרויעריגע אויגען שפיגעלט זיך אָב א קינדערשע אונשולד. זיא אר־בייט, זיא שוויצט, זיא טהוט עס מיט פערגניגען, זיא העלפט דעם טאטען, און ווייסט ניט פון קיין בעסערעס. זיא גלויבט, אז זיא איז

בעשאפען געוואָרען פאר דיא פעקטאָרי און דיא פעקטאָרי פאר איהר.

מיט קינדער שפּיעלט זיא זיך ניט מעהר, ווייל זיא איז קיין קינד נישט, זיא איז א ברויטגעבערין. דעם גאנצען זומער האָט דיא ברויטגעבערין געמאכט הייבעלעך, ווינטערדיגע הייבעלעך. אין אָנ־פאנג ווינטער האָט דער „באָס“ געלאָזט וויסען זיינע „הענד“, אז זיין וועהרהויז איז פולל מיט הייבעלעך און ער האָט קיין פּלאַטץ ניט מעהר פאר נאָך הייבעלעך און דערפאר מוז ער דיא ארבייט איינ־שטעלען. אזוי שנעל אָבער וויא ער וועט האָבען אויספּערקויפט דיא פארטיגע הייבעלעך, וועט ער זיינע „הענד“ וויסען לאָזען, כדי זיי זאָלען קומען מאכען נאָך הייבעלעך.

הייסט עס סלעק.

יעדען ארבייטער ווערט פינסטער פאר דיא אויגען, סלעק! א קלייניגקייט סלעק! וויפיעל שרעק, עלענד און נויטה איז עס פאר־בונדען מיט דיזען וואָרט! ביי יעדען פון דיא „הענד“ ווערט טרויעריג, נור טרויעריגער פאר אלעמען ווערט דער קליינער ברויטגעבע־רין, פאר איהרע אויגען שטעהט דער בילד פון קראנקען טאטען, מיט הונגעריגע ברידערלעך און שוועסטערלעך, א בלייכע מאמע מיט טרערען אין דיא אויגען, איהר פארקוועטשט דיא הארץ, איהר ווילט זיך וויינען, וויינען און ניט אויפהערען.

זאָל זיא זיך צו־וויינען אויף איהר מאמע'ס ברוסט, וויא אנ־דערע קינדער אין איהרע יאָהרען טהוען? אָה, ניין! איהר קינדערשע הערצעלע פּיהלט, אז ווען זיא וועט דער מאמען דערצעהלען פון סלעק, וועט דיא מאמע אליין אויך וויינען, וויא א קינד, טאָ צו־וואָס א דאָפּעלטען געוויין? און דיא מיידעלע וויינט ניט, זיא פארשטיקט איהרע טרעהרען.

אָבער, וואו דיא נויטה איז לעהרער, זיינען דיא שיללער גע־הארכזאם, און דיא מיידעלע בלייבט א ברויטגעבערין.

כדי דער קראנקער טאטע זאָל האָבען צו עסען, האָט מען דיא קליינע מיידעלע איינגעשפּאנט אין א גרויסען באָנדעל מיט צייטונ־גען, מיט יענע צייטונגען, וועלכע איהר לערנט און וועלכע הייסען אייך האסען דעם סאָציאליזמוס.

ביז שפעט אין דער נאכט שטעהט דיא מיידעלע אין גאס און שרייט: „קויפט א טאגעבלאט, קויפט א טאגעבלאט!“

דיא קליינע ברויטגעבערין שטעהט אזוי יעדען טאג און ביז זיא פארדיענט ניט קיין זיעבען סענט הערט זיא ניט אויף צו שרייען: „קויפט א טעגעבלאט!“. זיבען סענט קאסט א גרויסער שווארצער ברויט, און אהן א ברויט קען דיא „ברויטגעבערין“ ניט געהן אהיים.

דיא טעג ווערן קירצער, דיא זון ווערט בלייכער, דער דרויסען קעלטער און דיא מיידעלע שרייט נאך אלץ: „קויפט א טאגעבלאט, קויפט א טאגעבלאט!“

עס איז געוועזן אין טאג פון קריסטמעס, אט אין יענעם טאג, ווען יעדער קויפט עפעס מיט וואס צו דערפרעהען דיא קליינע קינדערשע הערצלאך. אין יענעם טאג איז געוועזן א ביטערער קעלט, און דיא קליינע „ברויטגעבערין“ שטעהט אין א קארנער פון א גאס און שרייט: „קויפט א טאגעבלאט, קויפט א טאגעבלאט!“

אבער ווער הערט איהר? ווער קוקט זיך אום אויף דיזע קליינע עופה'לע? יעדער לויפט פערביי, יעדער טראגט עפעס פאר זיינע קינדער, אבער אויף דעם קינד, וועלכע פערקויפט צייטונגען, האט קיינער קיין צייט א בליק צו טהאן.

דער ווינד, דער אייז־קאלטער ווינד, שיינט צו זיין דער איינציגער, וואס פערשטעהט דיא מיידעלע, ווייל ער זיפצט, זיפצט און מישט זיך צוזאמען מיט דעם שוואכען קרעכץ, וואס רייסט זיך ארויס פון צייט צו צייט פון דער קינדערשער ברוסטעלע.

„קויפט א טאגעבלאט, קויפט א טאגעבלאט!“ זעקס סענט האט דיא ברויטגעבערין שוין פערדיענט, נאר אהיים געהן קען זיא נאך ניט, ווייל א ברויט קאסט זיבען סענט. און ווייטער הערט זיך איהר שוואכע קול'כעלע: „קויפט א טאגעבלאט, קויפט א טאגעבלאט!“

און שרייענדיג פאלט דיא ברויטגעבערין! פאלט, ניט וויא א קינד אויף דער מאמע'ס ברוסט, נור פאלט אין דרויסען אויפ'ן קאלטען, הארטען שטיין, און געפאלען איז זיא א גע'חלש'טע.

מערקווירדיג! וואָס פאַר אַ גוטע, נאָבעלע מענשען מיר ווערן עס, ווען מיר זעהר וויא איינער פאַלט! אָבער ניט פריהער.

ס'איז געוואָרען אַ געטומעל, אַ גערויש, אַ קינד איז געפאַלען.

אַ קינד? נאַראָנים וואָס איהר זיינט, אַ קינד?

ניין, ניט אַ קינד איז דאָ געפאַלען, אַ ברויטגעבערין, אַן אונגליקליכע בעשעפעניש, וועלכע אין קיין מאָל קיין קינד ניט געווען.

אַ קינד אויף אַ קאַלטען שטיין? אַ קינד אין קאַלטען דרויסען צווישען קאַלטע מענשען?

ניין! ניט אַ קינד איז געפאַלען, דאָ איז אַ פאַבריק־מיידעלע אין סלעק.

אין האָספיטאַל קומט דיא מיידעלע צו זיך און דער דאָקטאָר ערקלערט, אז דיא מיידעלע האָט בלויזט גע'חלש'ט.

גע'חלש'ט פאַר וואָס?

דיא אויערלאַך, זאָגט דער דאָקטאָר, זיינען דער מיידעלע פערפרוירען געוואָרען, ס'איז אַ פאַרברעכען, זאָגט דער גוטער דאָקטאָר ענטריסטעט, אין אזא קעלט ארויסצושיקען אַ קינד אָהן אַ הייבעלע אויפ'ן קאָפּ.

יעצט ערשט האָט מען זיך ארומגעזעהען, אז דיא מיידעלע האָט ניט קיין הייבעלע אויף איהר קאָפּ.

איהר הערט, מענשען! דיא מיידעלע, וועמעס צאַרטע הענטעלעך האָבען געשאפען טויזענדער הייבעלעך, זיא האָט גע'חלש'ט פאַר קעלט, ווייל איהר פעהלט אַ הייבעלע.

שטייטש, וואָס איז מכח דיא טויזענדער הייבעלעך, וועלכע דיא מיידעלע האָט געהאָלפען בעשאפען? וואָס מיט זיי איז? זיי ליגען, און טאַקי, ווייל זיא האָט אזוי פיעל הייבעלעך בעשאפען, איז דאָך דאָס יעצט סלעק פאַר איהר און איהרע אויערלעך ווערן פערפראָרען! און אייערע פּאָליטישענס אייערע רבי'לעך זאָגען אייך, אז מען דאַרף שיקען דיא הייבעלעך צו דיא פיליפינען, און איהר גלויבט!

זיינט איהר מענשען מיט שכל?

איהר און אייערע קינדער בעשאפען אַל־דאָס־גוטס, דאָס גוטס

ווערט פון אייך אוועקגענומען, איהר און אייער פאמיליע מוזט דארבען, און נידעריגע מענשעלעך קומען צו אייך און זאָגען אייך, אז דאס גוטס, וואס איהר האט אויסגעארבייט, מוז אוועקגעשיקט ווערען אין ווייטע פרעמדע לענדער, דאן וועט אייך בעסער זיין! און דאס גלויבט איהר!

מענשען, וואו איז אייער שכל?

דער דאָקטאָר האט געזאָגט, אז עס איז א פערברעכען צו לאָזען א קינד אָהן א הייבעלע אין אזא קעלט.

א פערברעכען איז עס א בלוטיגער, אָבער ווער איז דאָ דער פערברעכער?

ענטפערט איהר אלע, וועלכע שטעהען דאָ מיט דיא טליתים איבער דיא קעפּ, ענטפערט, ווער איז דער פערברעכער?

איהר שווייגט? טאָ לאָזט מיר ריידען!

פערברעכער זיינען יענע, וועלכע זאָגען, אז סאָציאליזמוס איז א שגעון! פערברעכער זיינען יענע, וועלכע לערנן אייך צו האסען דעם סאָציאליזמוס!

דער סאָציאליזמוס זאָגט, אז דיא מיידעלע, וועלכע האט געהאָלפען באשאפען הייבעלעך פאר דער גאנצער וועלט, זאָל אליין אויך האָבען א הייבעלע, יא, פריהער פאר דער גאנצער וועלט זאָל זיא האָבען א הייבעלע, ווייל זיא האט הייבעלעך געהאָלפען מאכען.

דיא פערברעכער זיינען אייערע רבי'לאך, וועלכע הייסען אייך שטימען פאר צדקה.

דיא קליינע גע'חלש'טע מיידעלע האט ניט נויטהיג קיין צדקה. וואָלטען אייערע בלוטזויגערס ניט צוגענומען דאס, וואס מיט רעכט אייך קומט, וואָלט איהר זיך ניט נויטהיגען אין צדקה, און אייערע קינדער וואָלטען ניט זיין קיין ברויטגעבערס. אָבער אזוי לאנג, וויא איהר לאָזט בעשטעהן אין דער וועלט דיא היינטיגע רויב-אָרדנונג, וועט איהר ניט האָבען דאס, וואס אייך קומט. ניט „פריי-זילבער" וועט אייך בעפרייען פון דיא רויבעריי, ניט „גאָלד-סטענדערד" וועט אָבשאפען אייער אָרימקייט, ניט עקספּענשען וועט אייך העלפען.

זעהט ענגלאנד, א לאנד, וועמעס עקספּענשאָן-פּאָליטיק שטייגט

איבער יעדע אנדערע לאנד, ענגלאנד, וועלכע האָט אזוי פיעל קאָ־לאָניעס, אז מען קען זאָגען, אז אויף זיי געהט דיא זון קיין מאָל ניט אונטער; און דער עלענד אין ענגלאנד איז אזוי גרויס, וויא דאָ.

כמעט אלע אייראָפּעאישע לענדער האָבען א גאָלד־סטענדערד, דיא נויט און עלענד דאָרט איז אייך בעקאנט; אין מאנכע זיד־אמע־ריקאנער שטאאטען האָבען מיר א „פרייע זילבער" און דיא נויט און עלענד דאָרט איז נאָך גרעסער, וויא איבעראל.

דיא היינטיגע נויט און עלענד, פריינדע, וועט קיין זאך ניט אָבשאפען, נאָר דער סאָציאליזמוס. אייך האָט מען איינגערעדט, אז אלע צייטען זיינען גלייך, אז „אין כל חדש תחת השמש". אָבער איהר דארפט נאָר עפענען א ביסעל דיא אויגען, אום צו זעהען דעם געוואלדיגען אונטערשיעד פון אמאָל ביז היינט.

אמאָל האָט מען געארבייט אויפ'ן קליינעם אופן, היינט ארבייט מען אויפ'ן גרויסען אופן. וואָס האָט געבראכט דעם איבערבייט? דיא זאך איז גאנץ פּראָסט, אמאָל איז דער פארקויף פון סחורה גע־ווען אויפ'ן קליינעם אופן, האָט מען דיא סחורה געמאכט אויפ'ן קליינעם אופן, אין א קליינע הייזקע, ביי א קליינעם טישעל, מיט א קליינע צאָהל מענשען און מיט א קליינע סומע געלד.

היינט אָבער? היינט איז דער פערקויף פון סחורה אויפ'ן גרוי־סען אופן, ווערט זיא געמאכט אויפ'ן גרויסען אופן, אין א גרויסע פאבריק, ביי גרויסע מאשינען, פון א גרויסע צאָהל מענשען, מיט א גרויסע סומע געלד.

און אויב איהר פארשטעהט, אז ביים קויפען פון סחורה הערשט וואָס מען רופט „קאָנקורענציע", דאָס הייסט, אז דער וואָס פאר־קויפט ביליגער, דער פארקויפט מעהר, און אז איהר פארשטעהט, אז אין א גרויסע געביידע מיט גרויסע מאשינען, מיט א סך „הענד" און מיט א סך געלד, קאָסט דאָס בעשאפען דיא סחורה א סך ביליגער, וויא אין א קליינע הייזקע מיט ווייניג מענשען און ווייניג געלד, וועט איהר אויך פערשטעהן, אז דער קליינער בעל מלאכה מוז אונטער־געהן און דער גרויסער פאבריקאנט פארנעהמט זיין פּלאץ.

אלזאָ, היינט צו פאבריצירען סחורה איז נויטיג דיא מאָדערנע,

גרויסען מאשין — אָט דיזע מאשין ליגט אין דיא הענד פון גרויסע קאַפּיטאַליסטען, און איהר, דיא גרויסע מאסע ארבייטער, מוזט קומען צום בעזיטצער פון דער גרויסער מאשין און איהם בעטען, ער זאָל אייך ערלויבען צו ארבייטען, אייך ערלויבען צו לעבען. און ווייל איהר מוזט אָנקומען צו א צווייטען מענש איהם בעטען ער זאָל אייך ערלויבען צו לעבען, ערלויבט ער אייך, דאָס הייסט, ער גיט אייך ארבייט, אָבער נור אונטער אזעלכע בעדינגונגען, וועלכע לוינען זיך פאר איהם.

און וואָס לוינט זיך אם בעסטען פאר איהם? פאר איהם לוינט זיך בעסער, אז דיא סחורה זאָל קאָסטען ביליגער, און, זעלבסט־פערשטענדליך, וואָס ביליגער ער בעצאָהלט זיינע „הענד", אלץ ביליגער וועט דיא סחורה קאָסטען, און אזוי וויא איהר האָט קיין שום ברירה ניט, מוזט איהר אָננעהמען זיינע בעדינגונגען.

און וואָס זיינען דיא בעדינגונגען?

פון דעם, וואָס אייערע הענט מיט דער הילף פון דער מאשין ארבייטען אויס, גיט מען אייך קוים איין דריטעל, און צוויי דריטעל בלייבען ביי דיא בעזיצער פון דיא מאשינען און ביי דיא איבעריגע ניט־ארבייטער. דאָס רופט זיך פּראָפיט. דאָס זיינען דיא בע־דינגונגען.

און פונקט אין דעם זעלבען מאָס, וואָס דער פּראָפיט וואקסט, וואקסט אויך אייער דלות. ביים באזיצער פון דער מאשין וואקסט דער רייכטהום, ביי אייך — דיא אָרימקייט.

דיא מאָדערנע מאשין אין דיא הענד פון פּריוואַט־מענשען איז דיא קוועללע פון אייער נויט און עלענד.

דיא מאשין איז דאָ כדי צו מאכען דיא ארבייט לייכטער און שנעלער, און אזוי וויא ארבייט איז נויטיג צום לעבען הייסט עס, אז דיא מאשין איז דאָ צו מאכען דעם לעבען לייכטער און שעהנער. נון, מאכט דיא מאשין אייער לעבען לייכטער און שעהנער? ניין! פארקעהרט, דיא מאשין מאכט אייער לעבען פינסטער און טרויעריג, ווייל וואָס מעהר ארבייט דיא מאשין שפּאָרט איין, אלץ וועניגער „הענד" זיינען נויטיג. און וואָס איז דער רעזולטאַט?

ווען אין אייער שטעדטעל זיינען געווען מעהר מצות וויפיעל ס'איז נויטיג געווען אויף פסח, וואָס פלעגט זיין? מצות פלעגען פאַלען אין פרייז!

ס'איז פאראנען א געזעץ אין האנדעל, וועלכער רופט זיך דער געזעץ פון „פערלאנג און אָנגעבאָט", דאָס הייסט, אויב א געוויסע סחורה איז פאראנען אויף'ן מארק וועניגער וויא פיעל קונים אויף דיזער סחורה, וועט זיא קאָסטען טהייער, ווען אָבער דיא סחורה איז פאראנען מעהר וויא קונים, וועט דער פרייז פאלען.

וועט איהר פיליכט פרעגען וואָס פאר א שייכות האָט א ביגלער מיט מצות? אן ארבייטער מיט סחורה?

אָט דיזער שייכות איז וויכטיג צו פערשטעהען.

פריהער, אונטער דעם קליינהאנדעל, איז יעדער בעל מלאכה, יעדער געזעל, געווען א מענש; יעצט, אונטער דעם גרויס־האנדעל, איז דער בעל־מלאכה קיין בעל מלאכה ניט, דער געזעל קיין געזעל ניט און דער מענש קיין מענש ניט, הייגט זיינען אלע „הענד" און דער פאבריקאנט קויפט „הענד", פונקט וויא ער קויפט אייזען, ברעטער, נעגעל, פאָדים א. ד. ג. מיט אנדערע ווערטער הייסט עס, אז מיט דער איינפיהרונג פון גרויסע מאשינעריי איז דער בעל־מלאכה געוואָרען א סחורה, און וויא אלע סחורות, פאלט ער אונטער דעם געזעץ פון „פערלאנג און אָנגעבאָט", און אזוי וויא דיא סחורה, וועלכע רופט זיך „הענד", איז פאראנען מעהר, וויא נויטיג, קומט אוים, אז דיא סחורה פאלט, און איהר, ביגלער און בייסטער, פענטס און קלאָקמאַכער, זייט עם דיא געפאלענע סחורה, געפאלען פשוטו כמשמעו, און דאָס איז ניט דערפאר, ווייל אונז פעהלען „פריי־זילבער" אָדער דיא פיליפינען, נור ווייל דיא מאשין, דיא גרויסע מאשין, אָהן וועלכער איהר קענט הייגט ניט לעבען, אָט דיזע מאשין ליגט אין דיא הענד פון פריוואט־פערזאָנען און איהר זייט געצוואונגען אָנצוקומען צו דיזע פריוואט פערזאָנען, זיי זאָלען אייך ערלויבען דיא מאשין צו בענוצען, און ווען ערלויבען זיי אייך? ניט ווען איהר האָט נויטיג, נור ווען זיי קענען מאכען פראָפיט; ווען זיי קענען קיין פראָפיט ניט מאכען, לאָזט מען אייך ניט ארבייטען.

וואָס־זשע איז דיא רפואה?

אזוי וויא דיא מאָדערנע מאשין איז אבסאָלוט נויטיג צום טעג־ליכען לעבען, טאָר דיזע מאשין ניט בעלאנגען צו פּריוואט מענשען, נור מוז זיין דער אייגענטהום פון כלל. אזוי לאנג וויא דיא מאָדער־נע מאשין בעלאנגט צו עטליכע פּריוואט מענשען, וועלען דיזע עט־ליכע צווינגען דיא גרויסע מאסע ארבייטער זיי צו ליגען צו זייערע פיס.

דיא מאשין מאכט שווער דעם לעבען. פאר וועמען? פאר אר־בייטער!

אָבער פאר'ן פאבריקאנט? איהם מאכט זי דעם לעבען זיס און אנגענעהם. פאר וואָס? ווייל ער איז דער בעל הבית איבער דער מאשין.

ווילט איהר, ארבייטער, אז אייער לעבען זאָל זיין זיס און אנ־גענעהם? טאָ ווערט דיא בעלי הבתים פון דיא מאשינען.

שרעקט אייך אפשר דער געדאנק פון אליין ווערען דיא בעלי הבתים?

האָט איהר פיליכט מורא, אז דער סאָציאליזמוס וועט אָבשאַ־פען דיא סוועט־שעפּער, דיא פאבריקאנטען, דיא קאָנטראקטאָרס?

איך וויס, אז ביי אייך איז א הארבע קשיא. שטייטש, פרעגט איהר, וויא אזוי קומט מען עס אוים אָהן באָסעס? אָבער אזוי איז אויך אמאָל געווען פיר מענשען אונבעגרייפליך, וויא אזוי קען מען דאָס אויסקומען אָהן קעניגע און אָהן קייזאָרים.

אין דער צייט, ווען אונזערע תנאים האָבען געשריבען דעם תלמוד, האָט איינער געזאָגט: „הוי מתפלל בשלומה של מלכות ושאלמלא מוראה איש את רעהו חיים בלעו, דאָס הייסט, ווען ניט דיא מורא פאר'ן קייסער, וואָלט איין מענש דעם צווייטען איינגע־שלונגען א לעבעדיגען. אזוי האָט מען געזאָגט יעמאָלט, און ווער עס האָט געזאָגט אנדערש, ווער עס האָט געזאָגט, אז דעם קייסער דארף מען אויף כפרות, דעם האָט מען געהאלטען פאר א פערברעכער און פאר א משוגענעם.

נו, אָט לעבט איהר אין א לאנד, וואו קיין קייסער איז ניטאָ, האָט מען אייך שוין איינגעשלונגען א לעבעדיגען?

קלוגע מענשען האָבען געזאָגט, דער קייסער איז אַן איבעריגע זאך, און ניט נור ברענגט ער קיין נוצען ניט, נאָר ער ברענגט שאדען, און אויב אזוי, טאָ צו אלדע רוחות מיט איהם. ווער דארף איהם? און פרעגט אייך נור, וואָס פאר א נוצען ברענגען דיא באָסעס? און איהר וועט זעהען, אז ניט נור בריינגען זיי קיין נוצען ניט, נור זיי ברענגען שאדען, דיא גאנצע עלענד אייערע קומט דורך זיי. לעבען קען מען נאָר פון זאכען, וואָס ווערן בעשאפען דורך מענשענס אר־בייט, נון, לעבען, לעבט איהרביידע, סיי איהר, סיי אייער באָס, און אזוי וויא ארבייטען ארבייט איהר נור אליין, טאָ וואו נעהמט זיך פון זיינעטוועגען? איז דער ענטפער, עס נעהמט זיך פון אייך דאָס וואָס איהר האָט צו־וויינינג, האָט ער צו־פיעל. צו דעם דארפט איהר זיי!...

שטעלט אייך פאָר א שעהנעם בליהענדען בוים אין שעהנעם מאָנאט מאי, ווען מיט איין מאָל יאווען זיך גרינע גראָבע ווערים, וועלכע שפרייטען זיך אוים אונטער דיא בלעטער און פרעסען אוועק דיא שטענגעלאך פון דיא בלעטלאך און דער בוים הויבט אָן צו פארוועלקען אין זיין שעהנסטער בליה צייט.

שטעלט אייך פאָר, דער בוים קען ריידען, און פערשטעהט, ווען מען רעדט צו איהם, און איהר קומט צום בוים און זאָגט צו איהם אזוי: „מיין אָרים אונגליקליך בוימעלע! דיא ווערים זויגען פון דיר ארוים דיין לעבענסזאפט און דו מוזט אין דיין יוגענד פערוועלקען. גיב נור, בוימעלע, דיך א שטארקען טרייסעל און ווארף פון דיר ארונ־טער דיא ווערים, און דו וועסט בליהען, וויא אלע בוימער!“

און שטעלט זיך פאָר, אז דיא בוימעלע לעזט דיא „קלאגע־שמד“, וועלכע ווערט ארויסגעגעבען פון דיא ווערים, וועלכע לעבען פון בוי־מעלע׳ם לעבענסזאפט און שטעלט אייך פאָר, אז דיא בלעטלאך געהן הערען דיא דרשות פון דיא העפליכע ווערים, וואָס דענקט איהר,, דיא בוימעלע וואָלט אייך ענטפערן? עס וואָלט זאָגען צו אייך, אז ערשטענס, זייט איהר א משוגענער סאָציאליסט, ווייל אזוי שטעהט

אין „קלאגע־שמד“; און, צווייטענס, וואָלט עס זאָגען, וויא אזוי איז עפּעס מעגליך א בוימעלע אָהן ווערים?....

ווען איהר זעהט אייערע בלייבע, קריינקליכע פּנים'ער, אייערע צארטע, ניט דערבליהטע טעכטער, אייערע פאר דער צייט אלט גע־וואָרענע פרויען, ווען איהר בעטראכט אייער גאנצען פארוועלקטען לעבען, געדענקט, אז דאָס איז דיא ארבייט פון אייערע סוועטערס, אייערע רבי'לאך, אייערע „עניני צדקה“ אידען. עס איז דיא אר־בייט פון יענע שמוציגע ווערים.

מיר סאָציאליסטען רופען אייך צו: „ארבייטער, דערלאנגט א טרייסעל מיט דעם געזעלשאפטליכען בוים, זאָלען דיא ווערים ארונ־טערפאלען, איהר האָט זיי ניט נויטיג!

דער בוים קען בליהען נור דאַן, ווען דיא ווערים ליגען צוטראָ־טענע אונטער איהם.

* * *

אויב עס איז מעגליך א וועלט אָהן באָסעס?

דער טייך, וועלכער טהיילט אָפּ ניו יאָרק פון ברוקלין, איז אי־בערגעשפּאנט מיט א הענגעדיגער בריק, וועלכע איז אייך בעקאנט אונטער דעם נאָמען „ברוקלין בריק“, איינע פון דיא שעהנסטע גע־ביידען, וואָס דיא וועלט האָט; ער האָט געקאָסט מיליאָנען.

קענט איהר מיר אפשר זאָגען ווער איז דער באָס פון דיזער פּראכטפאָלער בריק?

קיינער!

קיין פּראָפיט־מאכערס, — דיא בעלי הבתים זיינט איהר עס אליין, דיא בירגער פון ניו יאָרק. און דעריבער געהט דעם בריק יעדער אריבער פריי אלע זיינען דיא בעלי־הבתים!

שטעלט אייך פאָר דעם זעלביגען בריק, ווען ער זאָל געהערען צו א פּריוואט פּערזאָן, צו דעם זעלביגען סוועטער, ביי וועלכען איהר ארבייט, — דענקט איהר, אז איהר וואָלט ווען עס איז אריבערגע־גאנגען דיזען בריק פריי? קיין מאָל ניט! פאר וואָס?

ווייל ווען דער בריק וואָלט געווען א פּריוואט פּארמעגען, פּונקט וויא דיא מאשין איז, וואָלט דער סוועטער פון בריק, וויא פון דער מאשין, געמוזט ציהען פּראָפיט.

דעם בריק אָבער געהט איהר אריבער פריי, ווייל ס'איז קיין באָס ניט פאראן, וועלכער זאָל זוכען צו מאכען פּראָפיט, מיט אנדערע ווערטער הייסט דאָס אזוי: דער בריק איז ניט, וויא דיא מאשין, דאָס אייגענטהום פון א פּריוואט מענש, נור קהל'שע אייגענטהום, און ווייל ס'איז קהל'שע אייגענטהום, געניסט יעדער גלייך פון דעם נוצען, וואָס דער בריק ברענגט.

יעצט זעהט דעם חילוק:

דיא בריק איז פאר דיא מענשען א גרויסע טובה, און דיא מאַשין איז פאר זיי א גרויסע טובה, און דאָך ברענגט דיא מאשין נור נויט און עלענד און דיא בריק ניט. פאר וואָס?

עס איז דערפאר, ווייל דיא מאשין ליגט אין דיא הענד פון א פּריוואט־מענש און דיא בריק ניט.

דיא בריק, ליגענדיג אין דיא הענד פון פאָלק, האָט וועלכען צוועק? זי האָט דעם צוועק, אז מענשען זאָלען איבער איהר אריבערגעהן. ווען דער בריק וואָלט ליגען אין דיא הענד פון אייער סוועטער, אייער באָס, וואָלט איהר צוועק זיין פּראָפיט!

מיט דער מאשין איז דאָס זעלביגע!

ווען דיא מאשין זאָל ליגען אין דיא הענד פון פאָלק, וואָלט זיא געהאט איין צוועק, און דער צוועק וואָלט געווען לייכטער צו מאכען דעם לעבען פון פאָלק. דיא מאשין אָבער אין דיא הענד פון א פּריוואט־פּערזאָן האָט אנאנדערן צוועק, און דער איז פּראָפיט. היינט בעשאפט מען אלצדינג ניט פאר'ן נוצען פון פאָלק, נאָר פאר פּראָפיט פאר דיא אייגענטהימער פון דיא מאשינען, און אָט דאָ ליגט דער גרונד פון אייער אָרימקייט.

מיר סאָציאליסטען זאָגען, אז סחורה זאָל בעשאפען ווערען פאר'ן פאָלק צום לעבען און צום געניסען, און ניט פאר קאפּיטאליסטענס־פּראָפיט.

פּראָפיט הייסט ניט בעצאָהלטע ארבייט. אייער באָס ווערט רייך דורך פּראָפיט, דאָס הייסט, וואָס ווייניגער ער צאָהלט אייך, אלץ גרעסער זיינען זיינע פּראָפיטען. דערפון פאָלגט, אז כדי אייער באָס זאָל רייכער ווערען, מוזט איהר אָרימער ווערען!

און יעצט, גלויב איך, קענט איהר אויך זעהן, אז אייערע רבי׳־לאך, אייערע עניני צדקה אידען, און אייערע פּאָלטישענס זיינען גע־מיינע ליגנער, ווען זיי זאָגען אייך, אז אייך פעהלט „פריי־זילבער“, „גאָלד־סטענדערד“ אָדער צדקה.

מיר סאָציאליסטען זאָגען אייך: ניין, ברידער! ניט קיין „פריי־זילבער, ניט דיא „פיליפּינען“ און ניט צדקה דאַרפט איהר פערלאַנגען, נור אייערע מענשען־רעכטע. דאָס רעכט צו דעם, וואָס אייערע הענד מיט דער הילף פון דער מאשין ארבייטען אויס, דאָס רעכט ניט צו לאָזען פרעמדע צו־נעהמען דאָס, וואָס געהערט צו אייך.

און ווען יענע העסליכע בעשעפעניסען פארלאָזען דעם בית־המדרש און קומען אייך הייסען וואוטען פאר אייערע בלוט־זויגערס, פאר אייערע סוועטערס, צו פון דעמאָקראטישען, צו פון רעפּובליקא־נישען לאגער, טאָ שפּייט זיי אין דיא פנים׳ער אריין, ווייל זיי שטעהען אויף א נידריגערע שטופע נאָך פון א געפאלענע פרוי, יענע פארקויפט איהר קערפּער, אייערע רבי׳לאך אָבער זיינען בע־רייט צו פארקויפען זייער נשמה, ווען זיי זאָלען נאָר האָבען וואָס צו פארקויפען.

איז עס מעגליך, אז אייערע פארזאָרגער זעהען ניט וואָס אייך פעהלט? איז עס מעגליך, אז זיי פארשטעהען ניט, וואָס אייך קען העלפען? איז דאָס מעגליך, אז דער עלענד צווישען אייך איז זיי אונבעקאנט?

ניין, גלויבט עס ניט! האָבען זיי ניט געהערט פון דעם בלוטי־גען שטיק עלענד, וועלכעס האָט פּאסירט דאָ פאר דיזען בית־המדרש, אין 7 לודלאָוו סטריט? דיא טרויעריגע געשיכטע, א פערקער־פערטע שטיק נויט איז געדרוקט געווען אפילו אין „קלאגע־שמד“, דיא בלאט, וועלכע ווערט געלעזען פון אייערע בלוט־זויגערס, פון אייערע רבי׳לאך און פון אייערע עניני צדקה אידען.

א איד, א פּיינטער, איז דריי חדשים ארומגעגאנגען אָהן אר־בייט. ער איז געווען איינער פון יענע, וועלכע שעהמען זיך צו בע־טען. זיין פרוי און צוויי קינדערלאך פלעגען ליידען שרעקליך, ער

אליין פלעגט ליידען דרייפאך, ליידען אָבער שווייגען. אייך איז אלעמען בעקאנט, וואָס עס הייסט דריי חדשים סלעק.

ענדליך האָט זיך געוויזען א שיין פון האָפנונג. מען האָט דעם פיינטער צוגעזאָגט ארבייט, מען האָט איהם געהייסען קומען אויף מאָרגען.

און פולל פרייד שטעהט אויף דער טאטע פארטאָג, ער געהט צו צום בעט, וואו עס שלאָפען זיין פרוי מיט דיא צוויי קינדערלאך, און מיט טרעהרען אין דיא אויגען בויגט ער זיך אריבער איבער דיא קליינע עופה'לעך און קושט זיי.

דיא זודיגע טרעהרען פון דעם טאטענס אויגען וועקען אויף דיא קינדערלאך און מיט פרייד זאָגט זיי דער טאטע: קינדערלאך! פאפא געהט ארבייטען, פאפא וועט ברענגען ברויט, דיא קינדערלאך וועלען שוין מעהר ניט געהן שלאָפען הונגעריגע. און דיא צוויי עופה'לאך פרייען זיך מיט אַן אונשולדיגער פרייד. א קלייניגקייט! דריי חדשים זיך ניט זאט אָנגעגעסען, דריי חדשים געגאנגען שלאָפען אָהן עסען, און ענדליך וועט פאפא ברענגען ברויט, פאפא אליין, ניט דיא שכנים. און דיא קינדערלאך פרייען זיך.

אויך דיא מאמע קען ניט איינהאַלטען איהרע טרעהרען, יענע אומגליקליכע מאמע, וועלכע מוז זינגען, ווען זיא איז הונגעריג, זינגען כדי דיא הונגעריגע קינדער זאָלען איינשלאָפען.

האָט איהר, פריינדע, אמאָל בעטראכט, וויא א הונגעריגע מאמע שלעפערט איין הונגעריגע קינדער?

זיא זינגט דערביי! יא! דיא נאטור האָט דיא מאמע בעשאפען צום זינגען, און מיר מענשען מאכען איהר וויינען.

זיא זינגט און וויינט! דער וויינען, וועלכער פערדאמט אונז אלעמען!

ווען א מבול קומט אויף דער וועלט, איז עס פון דיא טרערען פון א הונגעריגע מאמע, ווען זיא וויינט און זינגט איהרע הונגעריגע קינדער.

דיזעלבע טרערען וועלען אונז אלעמען דערטרענקען.

אויך דיא מאמע וויינט! ענדליך וועלען איהרע קליינע עופה׳־לאך ניט מעהר דארפען ליידען הונגער.

אלע וויינען! מען וויינט פאר פרייד! אין וואס בעשטעהט דיא פרייד? ניט מיט קיין זיידענע קליידער פרייט מען זיך דא, ניט מיט קיין ציערונג, ניט מיט קיין לוקסוס, ניין, ענדליך וועט מען האבען גענוג ברויט, און מען פרייט זיך.

דער טאטע געהט אוועק, און דיא קינדערלעך, וועלכע שלאפען איין, חלום׳ען זיסע חלומות. אויף זייערע פנים׳לאך שפיעלט זיך א זיסער שמייכעל. אין חלום זעהען זיי, אז דער טאטע ברייננט ברויט, א סך ברויט, דיא מאמע ברייננט ברויט, אלע שכנים ברענגען ברויט, דיא גאנצע וועלט איז פול מיט ברויט, און דיא קינדערלאך שמייכלען פון שלאף.

שוין איז דער פיינטער דארט, וואו מען האט איהם צוגעזאגט ארבייט. איהם קלאפט ווילד דיא הארץ. אזוי גליקליך איז דער גע־דאנק פון פארדיענען ברויט פאר דיא קנדער, אז איהם גלויבט זיך גאר ניט אזא גליק. ער מאכט אויף דיא טהיר, טרעט אריין אין הויז, אין יענעם הויז, פון וואנען זיין האפנונג זאל ערפילט ווערן, טרעט אריין און בלייבט שטעהן ביים טהיר א צושראקענער, ציטע־רענדיג אויף אלע אברים, און בלייך, וויא דיא וואנד. ער פיהלט א חלשות.

וואס איז?

פאר איהם זיצט א יונגער, געזונטער מענש, אויך א פיינטער, פארטיג אנגעטהאן צו דער ארבייט. דער אונגליקליכער טאטע האט באלד פערשטאנען, וואס דאס מיינט. אין זעלבען מאמענט קומט אריין דער „באס“. אויך ער פערשטעהט, וואס דאס מיינט, און זיך ווענדענדיג צום בלייכען, דערשראקענעם טאטען, האט ער געזאגט:

„גאט איז מיט אייך, וואס זייט איהר אזוי צושראקען? איך בין ניט דער איינציגער פיינטער־באס. אמעריקא איז גרויס גענוג, איז ניט ביי מיר, איז ערגעץ אנדערש־וואו. דיזער יונגע מאן איז ביי מיר......“

נאָך איידער ער האָט צייט געהאט צו ענדיגען דעם זאטץ, איז דער אונגליקליכער טאטע ארויס פון הויז.

אין דרויסען איז נאָך דונקעל. ניט וויסענדיג ווען און וויא אזוי שטעהט דער אונגליקליכער טאטע פאר דעם טענעמענט־הויז, אין וועלכען ער האָט איבערגעלאָזען פריילאך טרוימענדע קינדערלאך.

מיט א צוטומעלטען קאָפּ געהט ער ארויף דיא טרעפּ, וועלכע ער איז מיט א קורצע ווײַלע צוריק ארונטערגעגאנגען מיט אזוי פיעל האָפנונג.

שטיל מאכט ער אויף דיא טהיר, שטיל, כדי קיינעם ניט צו וועקען, אויף דיא שפּיטץ פינגער געהט ער כדי זיינע קינדער ניט צו וועקען. איהם שרעקט דער געדאנק, טאָמער שטעהען דיא קינדער אויף. איהם ווילט זיך שטארק וויינען, אָבער דער וויינען קען דיא קינדער אויפוועקען, און ער דערשטיקט דעם געוויין אין זיין צו־ווייטאָגטע פאָטער־ברוסט.

שטיל נעהמט ער ארויס דעם טלית און תפילין, שטעלט זיך דאוונען און שטיל גיסט ער אויס זיין הארץ פאר גאָט, שטיל בעט ער דעם גוטען טאטען אין הימעל, ער זאָל איהם געבען ברויט פאר זיינע קינדער. הייסע טרערען רינען פון זיינע אויגען. זיין ברוסט, שיינט איהם, וויל צושפּרינגען. איהם ווילט זיך וויינען הויך אויפ'ן קול, איהם ווילט זיך יאמערנדיג אויסרופען: „מענשען, פאר וואָס זאָלען מיינע אונשולדיגע קינדערלאך הונגערן?!“ איהם ווילט זיך שרייען: „גאָט, וואו איז דיין רחמנות?“ אָבער ער שרייט ניט, ער שטיקט זיך, ער וויל דיא קינדער ניט וועקען.

און שטיל קלאָגט דער טאטע: „וועה, וואָס וועל איך זיי ענטפערן, מיינע קליינע עופה'לאך, ווען זיי וועלען אויפשטעהן?“ פאפא, וועלען זיי פרעגען, וואו איז דיא ברויט? גאָט גרויסער, וואָס וועל איך זיי ענטפערן?“

דער טאטע שרעקט זיך: אָט כאפּען זיי זיך אויף, זיינע הונגעריגע קינדערלאך. אָט בעטען זיי עסען, אָבער אויך אין שרעק פארגעסט ער ניט צו דערשטיקען זיין קול און שטיל מורמעלט ער פאר

זיך: „מה יקר חסדך אלהים". פלוצלונג בלייבט ער שטיל, גאנץ שטיל.

וואָס איז?

שרעקט איהם פיליכט דער ליגען, וועלכען ער האָט יעצט געזאָגט?

ניין! זיינע קינדערלעך ריהרען זיך! שוין זעהט ער וויא זיי שטרעקען אויס זייערע צארטע הענטעלעך, וויא צום בעטען, שוין, שיינט איהם, עפענען זיך דיא ליפּעלאך, און ווילען פרעגען: „פּאפּא, וואו איז דיא ברויט?" און דער טאטע פיהלט, אז ער האלט עס ניט מעהר אויס, און וויא פון א שלאנג געביסען, לויפט דער טאטע ארויף אויפ'ן דאך און אין נעקסטער מינוט ליגט ער צושמעטערט אויף דיא הארטע שטיינער פון גאס.

דער טאטע האָט זיך פון דאך ארונטערגעוואָרפען!

ווען גוטע מענשען זיינען זיך צוזאמענגעלאָפען, האָבען זיי געפונען א צובלוטיגטע שטיק מענשען-פלייש איינגעוויקעלט אין א פערבלוטיגטען טלית, א צובראָכענעם שארבען מיט א צובלוטיגטען „של ראש".

און אזוי ליגט דער געמאָרדעטער טאטע, און אויף דיא קניע, אויף דיא מיט-בלוט-בעשפּריצטע שטיינער איבער דער בלוטיגער מאססע, יאמערן הארץ-רייסענד א פרישע אלמנה מיט צוויי יתומים'לאך, אָבער דיא צארטע קינדערלאך פרעגען ניט מעהר: „פּאפּא, וואו איז דיא ברויט?" ניין! זיי שרייען: „פּאפּעלע, שטעה אויף, מיר ווילען שוין קיין ברויט ניט מעהר." דיא בלוט איז נאָך ווארעם. אָבער דער טאטע הערט ניט מעהר, און שטעהט ניט מעהר אויף — — — —

אויב איהר האָט אָפענע אויגען, טאָ גיי'הט קוקט אייך צו און איהר וועט זעהען, אז דיא בלוט פון יענעם געמאָרדעטען טאטען קלעפּט נאָך אויף יענע קאלטע שטיינער. קיינער פון יענע, וועלכע האָבען דעם בילד געזעהען, האָבען עס נאָך ניט פערגעסען. די שטיינער אפילו האָבען עס נאָך ניט פארגעסען. דיא שטיינער אפילו האָבען מיטגעוויינט מיט דיא צוויי יתומים'לאך, און א חוץ עטליכע

נארישע ליגנערס, וועלכע האבען געהאט פייגהייט גענוג אין זיך צו זאגען „ברוך דיין אמת“, א חוץ דיזע פייגלינגע מיט לאנגע בערד, האט דיא גאנצע נאטור ארום פארפלוכט א געזעלשאפט, וועלכע פאר׳משפט א טאטען צום טויט, ווייל זיינע קינדער ווילען עסען.

פארשטעהט איהר, וואס דאס הייסט? היינט, אים צוואנציג־סטען יאהר־הונדערט, אין איינע פון דיא רייכסטע לענדער אין דער וועלט, מוז א טאטע בעגעהען זעלבסטמארד, ווייל זיינע קינדער ווי־לען ברויט און ער קען זיי ניט געבען. זיין בלוט מוז רינען אין רינשטאק, כדי ער זאל ניט הערען ,וויא זיינע קינדער מאהנען ברויט.

אט יענע בלוט פון יענעם ערמארדעטען אידען זאל אייך שווע־בען פאר דיא אויגען, ווען אייערע כל ישראל אידען הייסען אייך פאראכטען דעם סאציאליזמוס! יענער פארבלוטיגטער טלית זאל אייך שוועבען פאר דיא אויגען, ווען אייערע עהרענלאזע רבנים קומען צו אייך און זאגען, אז דער סאציאליזמוס איז א שגעון. דער סאציאליזמוס, וועלכער זאגט, אז א טאטע זאל ניט דארפען בעגעהן זעלבסטמארד פאר ברויט. זאלען אייך קלינגען אין דיא אויערען דיא ווערטער פון דיא יתומים׳לאך: „פאפא, מיר ווילען שוין ניט קיין ברויט.“ ווען צו אייך וועלען קומען אייערע עניני צדקה־אידען און וועלען אייך הייסען שטימען פאר צדקה.

אויף דיא הענד פון אייערע רבי׳לאך קלעפט דיא בלוט פון יע־נעם געמארדעטען טאטען. אייערע כל ישראל אידען, אייערע עניני צדקה אידען זיינען שולדיג אין יענעם מארד. אויף זייערע הענד קלעפט דיא בלוט פון יענעם בעליידיגטען טוידטען. אויף זייערע שווארצע קליידער קלעפען דיא טרערען פון יענער אלמנה מיט דיא יתומים׳לאך, אויף זייערע הענד און אויף דיא הענד פון אלע דיא יעניגע, וועלכע זאגען אייך, אז אזוי איז רעכט, אזוי דארף זיין.

מיר סאציאליסטען זאגען, אז עס טאר ניט זיין אזוי, ווייל עס קען זיין אנדערש. מיר זאגען, אז ווען א מענש וויל ארבייטען, האט ער א רעכט צו קריגען צו ארבייטען און צו לעבען. מיר זאגען, אז דעריבער מוז דיא געלעגענהייט צו ארבייטען ארויסגענומען ווערן

פון דיא רויבערישע הענד פון דיא קאפיטאליסטען, וועלכע גיבען ניט געלעגענהייט צו קיינעם, סיידען ווען זיי קענען מאכען פּראָפיט, און אריינגענומען ווערן אין דיא הענד פון ארבייטער פאָלק בשותפות. דאן, ווען איינער וועט וועלען עסען און געבען זיינע קינדערלעך צו עסען, צו לעבען, צו געניסען, צו זיין גליקליך, וועט ער נאָר דארפען אריינגעהן אין פאָלקס שותפות׳ע פאבריקען אָדער אין אנדערע ערטער וואו מען בעשאפט א טהייל פון דיא מיטלען צום לעבען און צו געניסען, און ער וועט גלייך קענען מיט זיינע הענד און אויף דעם פאָלקס שותפות׳דיגע מאשינען בעשאַפען א טהייל פון דיא זאכען, וואָס דאָס פאָלק דארף, אום צו לעבען אין גליק. און אזוי וויא קיין באָס וועט ניט מעהר זיין, וואָס זאָל צוראבעווען דעם גרעסטען טהייל פון דעם וואָס דער ארבייטער בעשאפט, וועט דער ארבייטער אליין קענען קריגען פון פאָלקס שותפות׳דיגע מאגאזינען דעם גאַנצען ווערט פון זיין אַרבייט.

און דער גאנצער ווערט פון א טאָג ארבייט, א טאָג פון 3—4 שטונדען, בעטרעפט הייניגע צייטען כל טוב פאר א טאָג צו לעבען! דאָס בעטרעפט אזוי פיעל, ווייל אלע מענשען בשותפות קענען היינט, וויא עס איז אויסגערעכענט געוואָרען, אין אן ארבייטס-טאָג פון 3—4 שטונדען אויסארבייטען פון כל טוב, וואָס מענשען קענען נאָר בעדארפען.

דאָס איז סאָציאליזמוס!

זאָגט, איז דאָס משוגע, אָדער איז דיא הייניגע וועלט משוגע, ווען זיא לאָזט 90 מענשען פון יעדע 100 אָבמוטשען זיך א לעבען אין פינסטערע נויט און יסורים, כדי פון זייער פראצע זאָל זיין פיר דיא איבעריגע 10 צו באָדען זיך אין הולטאיסקע וואוילטאָג אָהן א ברעג?!

זאָגט! דענקט! בעטראכט! ניט גלויבט אונז! גלויבט קיינעם ניט! איהר האָט שכל אין קאָפּ, בענוצט איהם, ווערט דענקענדע מענשען! דענקט אליין פאר זיך. לאָזט ניט אייערע רבי׳לאך און אייערע פּאָליטישענס דענקען פאר אייך. דענקען האָט דיא וועלט געמאכט שעהן און גרויסארטיג; ניט דענקען האָט דיזע שעהנע און גרויסארטיגע וועלט איבערגעגעבען אין דיא הענד פון א קליינעם

קלאס גרויסע רויבער; דענקען וועט דיא שעהנע הערליכע וועלט בעפרייען און עפענען איהרע טויערען פיר יעדען עהרליכען מענשען, וואָס וויל לעבען פון יגיע כפים!

לעזט וואָס דר. לאנדעס זאָגט :

„איך האָב די גרעסטע פראַקטיקע צווישען אידען אין אַמעריקאַ.
„זייט 20 יאָהר האָב איך זיך אָבגעגעבען מיט די בעהאַנדלונג
פון מענער־קראַנקהייטען.
„איך בעהאַנדעל נור מענער.
„אבער איך קוריר מענער.
„איך קוריר יעדען פאַל וואָס איך בעהאַנדעל.
„איך וועל ניט אַננעהמען, ווען עס אי זאונהיילבאַר.
„אויב איהר זייט אונהיילבאר, וועל איך עס אייך אָפען זאָגען.
„אבער אויב איהר קענט גורירט ווערען וועל איך אייך קורי־
רען. קיין אונטערשיעד וואס אייער קראַנקהייט איז,
קומט אַדער שרייבט צו מיר.
קראנקהייטען פון פענכיר און דיא ניערען.
קראַנקהייטען פון דאָס בלוט און הויט־קראַנקהייטען.
פערלוסט פון זכרון.
פערלוסט פון מענער־קראַפט.
פערלוסט פון לעבהאַפטיגקייט, דער רעזולטאַט פון געגענ־
נאַטירליכע געוואָהנהייטען.
מיין בעהאַנדלונג איז שמערצלאָז און וועט אייך ניט שטערען
פון אייער ארבייט.
איך קוריר טויזענדע מענשען יעהרליך.
איך מאַך אָפעריישאַנס, הונדערטע יעדען מאָנאַט.
איך קען אייך קורירען ביי אייך אין דער היים אויב איהר
קענט ניט קומען צו מיר.

געדענקט בעראטהונג פערזענליך אָדער דורך פאָסט פריי!

אויב איהר זייט אין טראַבעל אָדער איהר לײדעט קומט
אָדער שרייבט צו :

Dr. LEONARD LANDES,

140 East 22nd St., Cor. Lexington Ave., New York

אָפפיס שטונדען פון 9 מאָרגענס ביז 8 אבענדס.
שיקט 4ס. סטעמפס און איהר קריגט דר. לאַנדעס׳ נייעם בוך.

סימפאַטיזירט מיט די, וועלכע סימפּאַטיזירען מיט אייך!

לויפט ניט אין דער 14טע סט. ווען איהר דארפט א פּיאנאָ איהר קריגט ביי אונז פיעל בעסערע. מיר זיינען די איינ־ציגע אין דער איסט סייד וועלכע פער־קויפען

אַ דאָבעל עקשיאָן פּיאַנאָ

מיר גיבען אייך א שריפטליכע גאַ־ראנטיע פיר 10 יאהר צו טאָנען און פּאָלירען אייער פּיאנאָ פריי, אויסער דעם גיבען מיר 3 מאָנאַט פרייע לעסאָנס פון א בעוואוס־טע געענדיגטע קאָנסערוואטאָריום טיטשערין. בעדענקט דאָס אלעס און קומט גלייך צו



דראָגזיק און דרייבאַך פּיאנאָס און פּאָנאָגראפס

159 איסט בּראָדוויי, קאָר. ראָטגערס סטריט.

אלע רוסישע ספּעציאליסטען,
בונדיסטען און גלאט פּאַרט־
געשריטענע מענשען, טרעפען
זיך אין דער
ניו פּראָגרעסיוו
קאַפע און רעסטאָראַנט,
158 איסט בראָדוויי
ס. זילבערבלאט, פּראָפּ
אָפען טאָג און נאכט.

אלע גענאָסען טרעפען זיך
ביי אונזער
א. קראָקאָווסקי
— אין —
קאפּעע
סאַלאָן
173 איסט בראָדוויי
אונטער דעם פאָרווערטס
בילדינג, וואו מי פערברענגט
א פרעהליכע צייט ביי א
געשמאקער גלאָז טהעע.

מ. בעקקער'ס
דזשענטס פאָרנישינג סטאָר איז
אין 226 ברום סטריט, ניער
עסעקס סט. ניו יאָרק. וואו איהר
קריגט דיא בעסטע וואארע און
אָרענטליכע בעהאנדלונג.
טעלעפאָן, 400 אָרטשארד.

לואיס זינגער,
דזשענעראַל אינשורענס
אגענט, נאָטארי פּאָבליק.
175 איסט בראָדוויי, ניויאָרק.
(פאָרווערטס בילדינג.)

ב. שטיך
האָלסייל און ריטייל דיעלער
אין דיא בעסטע
אייגענע ערצייגטע
קאָליפאָרניער גרייפּס וויין
צו די ביליגסטע פּרייזען
כשר לפסח ולכל השנה,
ווי אויך
פּרייוועט כשר רעסטאָראַנט,
134 ריווינגטאָן סטריט,
ניער נאָרפאָלק סט., ניו יאָרק.

אַלע זאַלען וויסען,

אז די געז און עלעקטריק פיקטשורס פעקטאָרי פון

בערגער און קרייסבערג

האָט געמופט נאָך 423 גרענד סטריט, ניו יאָרק. פערשיעדענע אלטע ברעם וואארע ווערט פונקט וויא ניי געמאכט.

טעלעפאָן 400 אָרטשארד.

ב. מאָטוסאָוו,

ביזנעס און ריעל עסטייט אגענט. סיגאר און סטיישאָנערי סטאָרס, פייפער סטענדס און און ראוטס א ספעשילטי.

ניו יאָרק אָפיס: 175 איסט בראָדוויי, (פאָרווערטס ביל־דינג). פון 6 ביז 8 אבענדס; ברוקלין אָפיס: 485 קאָורט סט. ניער נעלסאָן סט.

פיין און שרייבער׳ס

יוניאָן פרינטינג

איז אין

161-63 ברום סט.

בעסטע פרינטינג, פינקטליך אטענדעט.

די קאָלאָמביא טהעע

איז יעצט בעוואוסט אין יעדע הויז און ווער עס איז נור א מבין איף גוטע טהעע, קויפט נור קאָ־לאָמביא טהעע. קאָנטרי אָר־דערס שנעל און פינקטליך אטענ־דעט. ס. צעכנאָוויץ, 193 די־וויזיאָן סט. ניו יאָרק.

דיא ניו יאָרק פילהאַרמאָניק קאָנסערוואַטאָריום אָף מוזיק

פון 237 איסט בראָדוויי

איז אונטער דיא פערזענליכע מענעדזשמענט פון מר. מארק פאָנאראָף. בעסטע צופרידענ־הייט גאראנטירט.

דזש. הירשפעלד,

מוירטשאַנט טיילאָר.

סוטס צו אָרדער צו די ביליגסטע פרייזען.

28 פיטט סטריט,

צווישען ברום און דעלענסי, נ. י.

דער איינציגער וויסענשאַפט־ליכער זשורנאַל אין זשאַרגאָנישער שפּראַך

ערשיינט יעדען ערשטען פון מאָנאַט

פּרייז 10 סענט א קאָפּיע
1 דאָלאר א יאָהר.

אָפּיס :

„ZUKUNFT"
26 Canal Street, New York

פאָרטגעשריטענע ארבייטער
געהען נאָר אין

דר. האַרקאַווי׳ס צוויי אַפּטייקען

193 ברום סט. קאָר. סאָפאָלק סט.
256 טשערי סט. קאָר. ראָטגערס סט.
ווייל ביי איהם זייט איהר זי־כער די ריכטיגע און בעסטע מע־דיצין צו בעקומען. דער נאָמען האַרקאַווי איז דיא טרייד מאַרק פון עהרליכקייט און צופריעדענ־הייט פיר יעדען. דאָס איז דיא הויפּט זאַך.

ס א מ ו ע ל ה א ר ק א ו ו י,
דאָקטאָר און פאַרמאַסי.

דר׳ אב׳ קאַספּע,
האָט געמופט אין
210 איסט בראָדווי,
ניער קלינטאָן סט.
אָפּיס שטונדען: 8—10 מאָרג.
2—3נאָכמיטאַג,
6—8 אבענדס,

זאָנטאַג.
8—10 מאָרגענס,
2—3 נאָכמיטאַג.

טעל. 612 אָרטשארד.

אונזערע תנאים

זיינען קיין נאראָנים ניט געווען,
ווען זיי האָבען געזאָגט
יין ישמח לבב אנוש,
אויב איהר ווילט אויך קיין נאר ניט זיין, טאָ טרינקט ווין ביי איינעם וואָס פערשטעהט וואָס ווין איז. דאָס טרעפט איהר אָבער נור ביי

העררי גרינבערג,
113 פאָרסייטה סט. ניו יאָרק.

דיא אַליאַנס קאַפע און רעסטאָראַנט

עפינט זיך פונקט אויף דעם קאָרנער פון איסט בראָדוויי און דזשעפערסאָן סטריט,
189 איסט בראָדוויי.
וואו איהר טרעפט אימער א גוטען דינער און סאפער
פיינבערג און בערנשטיין,
פראָפס.

אַלע פאָרטגעשריטענע מענשען קויפען זייערע העטס

אין ל. פלאשענבערג׳ס
יוניאָן העט סטאָר,
202 דעלענסי סטריט.
צופרידענהייט גאראנטירט.

טעררעס לייסעאום,

הערבסט וואסערמאן קאָ.
206 איסט בראָדוויי.
ניער דזשעפערסאָן סט. און
195 דיוויזיאָן סט.
פיינע מיטינג רומס. גרויסע האָל פיר מאסענפערזאמלונגען, בעלער און קאָנצערטען. עלעקטרישע בעלייכטונג. אלע לייטעסט אימפּרואוומענטס.

אַלע פאָרטגעשריטענע מענשען טרעפען זיך אין

א. סלאָנימסקי׳ס קאַפע
און רעסטאָראנט
22 ראָטגערס סט.
ניער הענרי. פרישע און געשמאקפאָלע שפייזען, אנשטענדיגע בעהאנדלונג.

ניקאָלאַיעווסקי טראַקטיר,

און אָריענטאלישע קיכע. דיא בעסטע רומענישע גרייפס ווין, וויא אויך א גוטע גלעזעל טהעע און קאָפע, אין
98 עללען סטריט.
ביטווין ברום און דעלענסי.
דאַרדעק און ברונשטיין,
פראָפס.

ב. זילבערמאן

כשר רעסטאראן

44 קאנעל סט.

וויכטיג פיר סטודענטען.

אַללע ביכער — נייע און סעקאַנד־הענדע, פיר אָנפאַנגער ענגליש — וויא רידערס, גרעמערס, היסטאָריעס און אַריטמעטיקס, אויך אַללע העכערע ביכער פיר רידזשענטס עקזאמינײשען פון די פּאַבליק נאַיט, דיי און האַיסקוהלס, אויך פּריפּעריטי סקוהלס און פּריוואַט טיטשערס. אויך שרייב־מאַטעריאַל, וויא קאָמפּאָזישען, נאוט און מעמאראנדאם בוקס, גאָלד פאנטיין פּענס, טינט, פּעדערס, פּענסילס און פּעדס, מיט איינעם וואָרט, אַללעס וואָס בעלאַנגט צו ביכער און סטיישאָנערי. מיין 10 יאהריגע פּראַקטיק אין דיא זעלבע נאַכבאַרשאַפט האָט מיר געגעבען דיא מעגליכקייט צו פּאַסען מיין סטאַק צו די פאָדערונגען. זעהר אָפט קריגט איהר ביי מיר אויסערגעוויינליכע בארגענס, וויל איך קויף גרויסע דזשאב לאַטס, און בין אימשטאַנדע צו פערקויפען זעהר ביליג. איך פערזיכער דיא ראַיעלסטע בעהאַנדלונג.

ה. גאָלדבערגס בוך און סטיישענערי סטאָר, 65 ריווינגטאָן סט., ניער עללען סטריט.

ל. פּלאַטאָ

בעט בעקאנט צו מאכען דאָס ער האָט געמופט נאָך 150 סאָפאָלק סט. א סוט צו אָרדער אָדער וואארע פאר א סוט קריגט איהר אימער ביי אייער פריינד ל. פּלאַטאָ, 150 סאָפאָלק סט.

דער גוט בעקאנטער

פּראָפ. י. קראַסקין מאָסקווער

יוניאָ

אָרטשעסטרא און מיליטערי בענד

64—66 מאָנטגאָמערי סט.

העריק'ס קאפפעע

141 דיוויזיאָן סטריט.

ניו יאָרק.

Herrick's Caffe

141 Division St., N.Y.

הענרי נאַקס

ערשטע קלאַסע

באַרבער שאָפּ.

79 קלינטאָן סט.

ניער ריווינגטאָן, נ. י.

FIFTH AVENUE פינפטע עווענױ

סיגאַרעטס, 10 סענט פאַר 10 שטיק.

זיינען די עלטסטע און פּאָפּולערסטע סיגארעטס אין מארקעט און איבערטרעפען אלע 10־סענטיגע סיגארעטס, זיי זיינען געמאכט פון פיינסטען ריינעם טערקישען טאבאק (גאראנטירט ביים מאנופעקטשורער) שטענדיג מיט וואטע אין די מונדשטיק, צו רייניגען דעם רויך. קיין 10־סענט סיגארעט קען זיך פערגלייכען מיט די פינפטע עווענױ אין געשמאק און אין גערוך. „פינפטע עווענױ" סיגארעטס פערהיטען די ברוסט פון הוסטען.

BARON DE HIRSH באַראן דע הירש

מיילד און סוויט, א 10 ס. סיגאַרעט

זיינען שטענדיג געמאכט פון פיינסטען ריינעם טערקישען טאבאק, גאראנטירט, שטענדיג געמאכט מיט וואטע אין מונדשטיק צו רייניגען דעם רויך.

מיליאנער, טירקישער סיגארעט

זיינען זעהר גוט און געשמאק, שמעקען אויסגעצייכענט, זאָ אז עס איז גאָר אונמעגליך צו מאכען א בעסערען סיגארעט פאר דעם פרייז.

EGYPTIAN HEROES עגיפּשען היראָס

עגיפּטישע סיגארעטס מיט אָדער אָהנע מונדשטיקען.

10, 15 און 25 סענט פאר 10 שטיק.

געמאכט פון פיינסטען טערקישען טאבאק, סעמפּעלס נאָך די קאָנטרי, פריי געשיקט. די בעקוועמסטע פרייזען פאר האָלסיילער און ריטיילער.

אויסער די אויבענדערמאָנטע האָב איך נאָך פיעל מעהר סאָרטען צו קריגען.

I. B. KRINSKY, Cigarette Manvfacturer, 227 Bowery, N. Y.

קאַליפאָרניאַ ברענדי, קאָ=
ניאַק, ריי וויסקי, ווישניק

רעדזשיסטרירט **Registered**

און אויך אללע סאָרטען וויין פיר
פעמילי און מעדיצינשען געברויך

קריגט איהר נור ביי

יצחק גאָלדבערג

171 איסט בראָדוויי
הויסטאָן קאָרנער קלינטאָן
5טע עוועניו און **115**טע סט.

דר. מש. שוואַרטץ,
155 הענרים סט. ניו יאָרק,
אָפיס שטונדען:
8—10 מאָרגענס, 1—3 נאָכמ.
6—8 אבענדס און זאָנטאג פון
9 ביז 11 מאָרגענס.
טעלעפאָן 1632 ר. אָרטשארד.

דר. דזש. פּ. בורשטיין,
31 דזשעפערסאָן סטריט,
אָפיס שטונדען:
8—10 מאָרגענס, 1—2 נאָכמ.
און 6—8 אבענדס.
טעלעפאָן 2400 אָרטשארד.

דר. דזשייקאָב מארגוליעס,
24 איסט 3טע סטריט,
אָפיס שטונדען:
8—10 מאָרגענס, 1—2 נאָכמ.
6—8 נאָכמ.
זאָנטאגס:
8—10 מאָרגענס, 1—2 נאָכמ.
און 6—8 אבענדס.

דר. ל. שלעזינגער,
25 ראָטגערס סטריט, ניו יאָרק
אָפיס שטונדען:
9—10 מאָרגענס, 1—3 נאָכמ.
6—8 אבענדס און זאָנטאג ביז
12 מאָרגענס.
טעל. קאָל. 1583 אָרטשארד.

דר. א. ראָווינסקי,
246 איסט בראָדוויי ניו יאָרק.
אָפיס שטונדען:
8—10 מאָרגענס, 2—3 נאָכמ.
און 6—8 אבענדס.
טעל. קאָל. 598 אָרטשארד.

דר. מ. גירזשדאָנסקי,
239 א. בראָדוויי, ניו יאָרק,
אָפיס שטונדען:
8—10 מאָרגענס, 1—2 נאָכמ.
זאָנטאג:
8—10 מאָרגענס, 1—2 נאָכמ.
טעל. 556 אָרטשארד.

דר. דזשאָנעסאָף,
244 איסט בראָדוויי, נ. י.
אָפיס שטונדען:
9—10 מאָרגענס, 1—2 נאָכמ.
6—8 אבענדס.
זאָנטאג: — 9—10 מאָרגענס.
טעל. 1476 אָרטשארד.

דר. פּאול קאַפּלאַן,
230 איסט בראָדוויי, ניו יאָרק.
אָפיס־שטונדען:
9—10 מאָרגענס, 6—8 אבענדס,
טעל. 387 אָרטשארד.

דר. ש. רוססיאנאָף,
סורדזשען דענטיסט,
22 רוטגער סטריט,
ניער הענרי סטריט, ניו יאָרק.

MAISEL'S BOOK STORE

194 EAST BROADWAY, NEW YORK

A selected stock of the best books on Philosophy, Science, Political Economy, Art, and the modern Drama always on hnnd.

SCHOOL and COLLEGE TEXT BOOKS BOUGHT & SCLD

Weekly Importations of Germann and Russian
Books and Periodicals

יעדעס בוך אין ענגליש, דייטש און רוסיש קען איך קריגען פאר אייך. פאלס איך האָב עס ניט אין סטאק. שרייבט מיר וועגען דעם און איך וועל אייך אנטוואָרטען זאָגלייך וועגען אירגענד וועלכע בוך־אנגעלעגנהייט.

פלאטאָן בראונאפ'ס
נייעסטע ווערקע

ענטהאלט אין זיך

21 רעוואלוצ. פרייהייטס ליעדער

פיר זינגען און שפיעלען. יעדער פרייהייטס־געזאָנענער מענש מוז ניט פערפעהלען צו האָבען ביי זיך אין הויז א קאָפּיע. צו בעקומען ביים פּאָבלישער

JOS. P. KATZ, 181 E. Broadway

וויא אויך אין אלע אנדערע מוזיק סטאָרס.